STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05110

TSVANTSIK YOR MIFLEGET POYLE ERTS YISROEL (MAPAI)

Moshe Sharett

Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Jules & Evelyn Schwaber
in memory of
Chaim & Mindl Albrecht and Moses & Yette Perle Hellreich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שרת

אויסערן־מיניסטער פון ישראל

Les Editions Polyglottes
232, rue de Charenton
— PARIS-XII[e] —

משה שרת

צוואַנציק יאָר
מפלגת פועלי
ארץ ישראל
(מפא"י)

אַרויסגעגעבן פון אייראָפּעאישן ביוראָ פון
איחוד עולמי אין פּאַריז

Octobre 1950 חשון תשי"א

20 יאָר מפלגת פּועלי ארץ ישראל זיינען 20 גורל־יאָרן אין דער ייִדישער געשיכטע — יאָרן פון צופלוס און אָפּפלוס, פון דורכפאַל און געראַנגל, פון קאַטאַסטראָפע און רעטונג. זינט דאָס פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד, האָט עס נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אין אַזאַ קורצער צייט אַזעלכע דערשיטערנדיקע וואקלונגען. מיט אַ דערדריקנדיקער אָפּטקייט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונזער קאָפּ אין דער דאָזיקער תקופה די קלעפּ פונם גורל און מיט אַ קאָפּ־שווינדלדיקער שנעלקייט זיינען מיר, צום סוף פון דער דאָזיקער תקופה, אויפגעשטיגן פון דעם אָפּגרונט אין דער הויך. הינטער אונז ליגט דער עמק־הבכא פון אַ חרובן גלות. אַרום אונז ליגן די שלאַכט־פעלדער, אויף וועלכע עס איז דעראָבערט געוואָרן די פרייהייט פון ישראל. די קברים פון מיליאָנען קרבנות פון אַ דורות־לאַנגער אוממעכטיקייט, צוזאַמען מיט אייביקע דענקמאָלן פאַר דער יונגער גבורה פון ישראל — זיינען די צייכנס אויפן וועג וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט. פאַר אונז שטייט אַ שפּאַנונגספולע און אָנשטרענגונגספולע צוקונפט, אַ צוקונפט פון שרעק און בטחון צוגלייך. די דאָזיקע מחנה פירט אַדורך אַן אַפּעל פאַר זיך אַליין צווישן איין שלאַכט און דער אַנדערער. זי האָט אַ סך פאַרלוירן, זי האָט אַ סך דעראָבערט, זי האָט אַ סך געלערנט, זי האָט באַוויזן איר כוח, אָבער זי מוז פאַרטאָפּלען און פאַרדרייפאַכן דעם דאָזיקן כוח. זי געפינט זיך נאָך אינמיטן וועג און דער וועג גייט באַרג־אַרויף און דער ציל איז נאָך ווייט.

דאָס שליחות־באַוווסטזיין פון מפלגת פּועלי ארץ ישראל

מפלגת פּועלי ארץ ישראל איז געקומען אויף דער וועלט אין אַ צייט פון פּורעניות'ן און האָט איר גאַנץ לעבן זיך געראַנגלט מיט פּורעניות'ן. דער גורל האָט זי נישט איינמאָל געשטעלט פאַר האַרבע פּרוּוון, און זי האָט געשעפּט כּוח און גלויבן דערפון וואָס זי איז זיי בייגעשטאַנען. זי האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט גרייט־זיין אויף שווערע צייטן. זי האָט אַליין איניצירט קאַמפן און באַוווסטזיניק זיך אַריינגעוואָרפן אין זיי. אויף אַלע עטאַפּן פון פּאָליטישן געראַנגל און פונם וווּקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט די פּאַרטיי דערפילט אַ פירנדיקע און אַן אַנטשיידנדיקע ראָל. צייטנווייז האָט זי זיך געפּיניקט אין איר שוואַכקייט. צייטנווייז איז זי פּאַראַליזירט געוואָרן צוליב אינערלעכער מחלוקת, נישט תּמיד האָט איר געסטייעט דער כּוח זיך אַריינצוּוואַרפן מיט־אַ־מאָל און מיטן גאַנצן ברען אין אַלע קאַמפן. אָבער קיינמאָל האָט איר נישט פאַרלאָזט דער באַוווסטזיין פון איר שליחות און תּמיד איז אויף איר געלעגן די לאַסט פון אחריות מיט איר גאַנצער שווערקייט. אָט־דער באַוווסטזיין פון שליחות און אחריות האָט איר געהאָלפן גובר זיין די מאָמענטן פון שוואַכקייט, אַרויסגעהאָלפן איר פון קריזיסן, געשטויסן זי תּמיד אַריינצונעמען אין אירע הענט מיט באַנייטע כּוחות דעם רודער פון דער באַוועגונג.

אָט דער טיפער באַוווסטזיין פון אַן אייגנאַרטיקער שליחות איז דער שורש פון דער עקזיסטענץ און פונם וווּקס פון דער פּאַרטיי. אין אים ליגט דער תּמצית פון איר גייסטיקן וועזן און דער סוד פון איר פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן כּוח. דאָס איז דער מקור פון איר שטענדיקער אינספּיראַציע.

ווי איז מפלגת פּועלי ארץ ישראל געקומען צו דעם דאָזיקן שליחות־באַוווסטזיין? זי האָט אים געירש'נט פון ביידע פּאַרטייען, וועלכע האָבן זיך זיינערצייט אין איר פאַראייניקט און זי האָט אים

פילפּאַכיק פאַרשטאַרקט דורך דער פּאַראייניקונג. די דאָזיקעביידע
פּאַרטייען, „הפּועל הצעיר" און „אחדות העבודה", זיינען נישט
געווען קיין באַזונדערע בוימער, וואָס בלויז זייערע צווייגן האָבן זיך
צוזאַמענגעפלאָכטן; דאָס זיינען געווען צוויי וואָרצלען וואָס זיינען
צונויפגעוואַקסן אין איין שטאַם. ביידע, ווי איינע, האָבן געזען אין
דעם יידישן אַרבעטער, אין דעם חלוץ, אין דעם דעראָבערער פון
די וויסטעניישן מיט די אייגענע הענט, אין דעם בויער פון דער נאַ־
ציאָנאַלער ווירטשאַפט מיט דעם אייגענעם קערפּער — דעם הויפּט־
טרעגער פון ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, דעם געטרייען פאַרביג־
דעטן פונם גאַנצן פאָלק און פון זיין אויפלעבונגס־ווערק, דעם פאַר־
אַנטוואָרטלעכן פאַרן רודער פון זיין באַוועגונג. ביידע צוגלייך האָבן
אין דער רעוואָלוציאָנערער באַנייאונגס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק,
וואָס אירע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע יסודות זיינען צוזאַ־
מענגעפלאָכטן אין סאָציאַליסטישן ציוניזם, געזען דעם העכסטן אויס־
דרוק פון דער יידישער דורות־לאַנגער שטרעבונג, דעם פאַרפליכטנ־
דיקן געבאָט פון דער יידישער נבואה, די צונויפפלעכטונג פון דעם
באַפרייאונגס־ווערק פון יידישן פאָלק מיט דער פאַרבעסערונג פון
דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אין אַלגעמיין. אין ביידנס אויגן איז
די הסתדרות — די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער
אין ארץ־ישראל — געווען אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון מענטשן וואָס
פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם מיט זייערע אייגענע הענט און מיט זייער
גאַנצן לעבן, אַ מעכטיקער אינסטרומענט פאַר עליה און התישבות,
פאַר דער באַפעסטיקונג פונם אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד און דער גע־
זעלשאַפטלעכער איבערגרופּירונג פון גאַנצן ישוב; ביידע האָבן אין
איר געזען אַ גאַראַנטיע פאַר דער צוגעבונדנקייט פון דער אָרגאַני־
זירטער אַרבעטערשאַפט צו די נאַציאָנאַלע ווערטן און צו די געבאָטן
פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ביידע האָבן געגלויבט אין דעם
כוח פון דעם חלוצישן לעבן צו לייטערן דעם אַרבעטער־ציבור פון די
רוטינע־יסודות וואָס שטאַמען פון פרעמדע מקורות און אויסצופור־
רעמען זיינע פאַראַנטוואָרטלעכע טיילן אין אַ פּאָליטישער קערפּער־
שאַפט, אין אַ גרויסער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס טראָגט אַלע מיינונגס־

פֿאַרשידנהייטן און דער פֿרייהייט פֿון ויכוח וואָס וועלן אין איר הערשן, וועט זי דאַך זיין בכוח צו זיכערן די אייניקייט פֿון טאַט און אַ ווירקזאַמע לייטונג. זיי האָבן געהאָפֿט, אַז דער טאָג איז נישט ווייט ווען אויך די יעניקע געזעלשאַפֿטלעכע גרופּירונגען פֿון דער הסתדרות, וועלכע זיינען געבליבן מחוץ דער פֿאַראייניקטער ראַם פֿון דער פּאַרטיי, וועלן אויך צושטיין צו איר און זיך צונויפֿ־גיסן אין איר.

די פּאָליטישע באַוועגונג פֿון יידישן פֿאָלק

די ביידע גרונט־פּאַרטייען, וועלכע האָבן געקעמפֿט פֿאַר זייערע אידעען צוערשט יעדערע באַזונדער, נאָכהער פֿאַראייניקט, זיינען לויט זייער טיפֿן מהות געווען אייגנטלעך די פּאָליטישע באַוועגונג פֿון יידישן פֿאָלק. זיי זיינען עס געווען טראָץ זייער התלהבות פֿאַר אַלגעמיין־מענטשלעכע אידעאַלן פֿון גערעכטיקייט, גלייכהייט און פֿרייהייט, טראָץ דעם שוואונג און דער דרייסטקייט פֿון די בעסטע חברים זייערע, צו שאַפֿן, באַזעצנדיק די וויסטענישן פֿון לאַנד, קע־מערלעך פֿון אַ נייער געזעלשאַפֿט פֿון דער קבוצה, פֿונם מושב און פֿונם גרויסן קיבוץ, טראָץ זייער שטרעבונג צו ענדערן די אָרדענונג פֿון דער וועלט. נישט דער ווילן אויסצולייזן דעם פּרט האָט אַרויס־גערופֿן די דאָזיקע באַוועגונג, נאָר די שטרעבונג צו ענדערן דעם גורל פֿון פֿאָלק. און די באַוועגונג האָט געזוכט צו פֿאַרווירקלעכן די דאָזיקע ענדערונג נישט בלויז דורך דער דעראָבערונג פֿון אַ נייער שטעלונג פֿאַרן פֿאָלק אין דער וועלט, נאָר אויך דורך אַ רעוואָלוציע אין זיין לעבנס־שטייגער. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז די פֿאָלקס־באַנייאונג אַליין איז אַ זעלבסטשטענדיקער ווערט און אַז עס איז אין דער זאַך פֿאַראַן פֿריער און שפּעטער.

די באַוועגונג, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין ציוניזם אין גרויע טעג, נאָכדעם ווי עס איז אויסגעגאַנגען דאָס ליכט פֿון הערצל'ן, האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף די וועגן פֿון ציוניסטישער פֿאַרווירקלעכונג אין

לאַנד דוקא אין שיין פון דער וויזיע פונם נביא פון מדינת ישראל. זי האָט די דאָזיקע וויזיע געטראָגן טיף אין האַרצן, ווי אַן אינערלעכן פייער. און דאָס האָט זי סטימולירט אַרויסצוגיין מיט דעם לאָזונג פון כיבוש העבודה (דעראָבערונג פון דער אַרבעט) און אויפצוהויבן די פאָן פון יידישער שמירה. די באַוועגונג איז געווען אַ לעבעדיקע תשובה אויפן אוגאַנדיזם — נישט אַ פרעמד לאַנד, נישט ווידער אַ פרעמדע ערד, נאָר דאָס איין־און־איינציקע היימלאַנד. זי איז אָבער אויך געווען אַ לעבעדיקער פּראָטעסט קעגן אַ טאַטן־אָרעמען פּאָליטישן ציוניזם און קעגן אַ חיבת־ציון פון אַ ישוב פון בועזים. זי האָט געפאָדערט אַ טעריטאָריאַלע לייזונג פונם פּראָבלעם פון דעם יידישן פאָלק, אין זיין פאָטערלאַנד. זי האָט מיטן רידל אין דער האַנט געשטורעמט די פעסטונגען פון פרעמדער אַרבעט, כדי דורכצוברעכן אַ וועג פאַר מאַסן אַרבעטנדיקע נייע עולים, וואָס בלויז דורך זייער פאַרוואָרצלונג אין אַלע אַרבעטס־צווייגן קען געשאַפן ווערן אַ גרויסער און פעסטער ישוב און דערגרייכט ווערן דער ציל פונם ציוניזם. זי האָט זיך אונטערגענומען צו גיין מיט אַ לאַנגן און שווערן וועג. זי האָט געגלויבט אַז קליינע מעשים קלייבן זיך צונויף און ווערן גרויסע, אויב נאָר זיי ווערן דער ענין פון מאַסן. זי האָט אָבער אויך קיינמאָל נישט פאַרגעסן אין די גרויסע זאַכן און תמיד געהאָפט אויף אַ נס פון קפיצת הדרך.

דער דאָזיקער אינערלעכער פייער פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אַספּיראַציעס, וואָס האָט געטליעט טיף אין האַרצן פון דער באַוועגונג, האָט אויפגעפינקלט פאַר אַלעמענס אויגן אין דער עפּאָפּייע פון „השומר". ער האָט זיך צעפלאַקערט אין אַ פלאַם פון אַ פאָלקס־באַוועגונג אינם קאַפּיטל יידישער לעגיאָן. ער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט פון תל־חי. ער האָט באַלויכטן די אונטערגרונט־פינסטערניש, פון דער הגנה. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון ארלאזאראוו'ס האַרץ אין זיין דערשיטערנדיקן בריוו צו ווייצמאַנען עטלעכע חדשים פאַר דער דערמאָרדונג. דער שמן פון אָט־דעם פלאַם האָט געגלאַנצט אין אַלע געדאַנקען פון בערל קאַצנעלסאָן. ער האָט געברענט ווי אַן אש תמיד אין דער נשמה פון דוד בן־גוריון. ער איז געווען דער לעבנס־

יסוד פון אליהו גאָלאָמב און דוב האָז. ער האָט געשאַפן דעם וווּנדער פון דער יידישער קעמפנדיקער בריגאַדע אין די סאַמע קריטישסטע טעג. פון אים האָט געשטאַמט דער מוט צו גרינדן דעם פּלמ״ח.

פּאָליטישע פאַרענדערונגען און קריזיסן האָבן צושטערט מחיצות

אַלע פּראָצעסן פון קעגנזייטיקער דערנענטערונג צווישן די חברים פון ביידע פּאַרטייען פון איין זייט, און די אומפּאַרטייאישע פון דער אַנדערער זייט, אין גאַנג פון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט און פונם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, פון דער חלוציש־קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט און דער געמיינזאַמער טעטיקייט אין נאָמען פון דער גאַנצער באַוועגונג — זיינען נישט געווען בכוח דורכצוברעכן מחיצות און צו צעשטערן עקזיסטירנדיקע ראַמען. בלויז פּאָליטישע פאַרענדערונגען און קריזיסן האָבן געקענט אַרויסרופן די גרויסע פאַראייניקונגס־געשעענישן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַנטשיידנדיקע פּונקטן אויפן וועג פון דער באַוועגונג.

אחדות העבודה, אַלס ערשטע שטופּע אינם פּראָצעס פון פאַראייניקונג און אויסקריסטאַליזירונג פון דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטער־באַוועגונג, איז געבוירן געוואָרן אונטער דער השפּעה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און דער גרינדונג פון דעם מאַנדאַט־רעזשים, וועלכע האָבן געעפנט נייע האָריזאָנטן פאַר דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג און שטאַרק געהויבן די פּאָליטישע באַדייטונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די בלוטיקע אומרוען פון תרפ״ט און דער פּאָליטישער אָנגריף אויפן ציוניזם וואָס איז געקומען נאָך זיי — דער באַריכט פון דער שאָו־קאָמיסיע און דער ווייס־בוך פון פּאַספילד׳ן — זיי האָבן געבראַכט צו דער פאַראייניקונג פון אחדות העבודה מיט הפּועל הצעיר און צו דער שאַפונג פון מפלגת פּועלי ארץ ישראל. האַרטע מע־

טאַלן גליען און ווערן געגאָסן בלויז אין זייער הויכע גראַדן היץ. אינם געראַנגל קעגן דער דערשטיקונגס־סכנה וואָס האָט געדראָט דער פאָרזעצונג פונם ציוניסטישן ווערק, האָבן זיך אויפגעלייזט די פאָרמען וואָס האָבן ביז דעמאָלט געדינט אַלס ראַם פאַר ציוניסטיש־פאָליטישער אחריות אין דעם אַרבעטער־ציבור און עס האָט זיך פון זיי אויסגעשמידט אַן אַנדער רייף פאַר דער צוזאַמענשליסונג פון דעם רוב בנין פון דער באַוועגונג. מפלגת פועלי ארץ־ישראל איז געקומען אויף דער וועלט קודם כל אַלס פאָליטישע קערפערשאַפט.

20 יאָר זיינען פאַרבייגעגאַנגען פון יענער צייט, יאָרן פון פינסטערע קאַטאַסטראָפעס, פון גראַנדיעזע עפּאָפּייעס, פון דערשיטערנדיקע איבערלעבונגען און פאַרענדערונגען. אין די אַלע יאָרן איז מפלגת פועלי ארץ־ישראל געווען דער פעסטער באַזיס אויף וועלכן מיר זיינען געשטאַנען ווען אַלע כוואַליעס און שטורעמס זיינען אַריבער איבער אונזער קאָפּ, די פעסטונג פון וועלכער מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף דרייסטע אָנגריפן און צו וועלכער מיר האָבן זיך אומגעקערט כדי זיך פאַרביסן צו פאַרטיידיקן. קיינער פון אונז קען זיך איצטער נישט פאָרשטעלן אונזער געזעלשאַפטלעך לעבן, אונזערע ווירטשאַפטלעכע ווערק, אונזערע פאָליטישע קאַמפן, דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן און פאַרצווייגטן אַפּאַראַט פון אונזער אומאונטערבראָכענער איניציאַטיוו, דעם אומפאַנג פון אונזער טעטיקייט און איר טעמפּאָ — אָן דער פאַרטיי. עס איז נישט לייכט זיך אומצוקערן אויף צוריק און אָפּצושאַצן די טיפע באַדייטונג פון דער פאַראייניקונג פון די אַרבעטער־פאַרטייען אין יאָר 1930 און וואָס פאַר אַן איבערקערעניש דאָס האָט אַרויסגערופן אין לעבן פון דער גאַנצער באַוועגונג.

די פֿאַראייניקונג האָט פֿאַרשטאַרקט די הסתדרות

די פֿאַראייניקונג האָט זיך קודם כּל אָפּגערופֿן אויפֿן לעבן פֿון דער
הסתדרות. די הסתדרות האָט באַקומען אויף אַ לאַנגער צייט אַ
ווירקזאַמע, סטאַבילע און קרעפֿטיקע לייטונג אויף אַ ברייטן באַזיס.
אַלע אוצרות פֿון דערפֿאַרונג, איניציאַטיוו, טאַטקרעפֿטיקייט און
פֿאַרווירקלעכונגס־לײַדנשאַפֿט פֿון די ערשטע גרונטלייגער און וועג־
אויסטרעטער, האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן און זיך געשטעלט אין רשות
פֿון דער באַוועגונג. די ענערגיע, דער ברען און די פֿעאיקייטן, וועלכע
פֿלעגן פֿריער פֿאַרשווענדעט ווערן אויף אַ ברודער־קריג, אויף דער
אָפּהיטונג פֿון באַזונדערע השפּעה־ספֿערן, אויף קעגנזייטיקער קנאה
לגבי פֿאַרדינסטן פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט און פּאָזיציעס אין דער
קעגנוואַרט, אויף דער פֿלעגונג פֿון קעגנזייטיקע צוימען און אָפּגרע־
נעצונגען — זײַנען באַפֿרייט געוואָרן פֿון פּאָזיטיווע אָנשטרענגונ־
גען פֿון געמיינזאַמען שאַפֿן און געווידמעט געוואָרן די פּראָבלעמען
פֿון דער צוקונפֿט. עס איז אויף ווייטער פֿאַרמיטן געוואָרן די קאָלאָ־
סאַלע פֿאַרשווענדונג פֿון געבענטשטע געזעלשאַפֿטלעכע פּאָטענצן און
עס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן כּלים אויפֿצונעמען נײַע כּוחות און מכ־
שירים זיי צו אַקטיוויזירן, כּוחות, וועלכע וואָלטן זיך נישט אָנגע־
שלאָסן אין דער געמיינזאַמער ראַם פֿון אחריות ווען נישט די פֿאַר־
אייניקונג. דאָס האָט זיך געמערקט אין דעם באַנײַטן שווונג פֿון אָר־
גאַניזאַציאָנעלער, ווירטשאַפֿטלעכער און געזעלשאַפֿטלעכער איניציאַ־
טיוו — אין דעם שטאַרקן וואוקס און דער פֿאַרצווייגונג פֿון דער
הסתדרות, אין דער אַנטוויקלונג און דעם איבעראַשנדיקן פֿאַרמעס־
טונגס־טעמפּאָ פֿון סולל־בונה, אין דעם אויפֿטו פֿון ניר, אין דער
שנעלער פֿאַרברייטערונג פֿון הסתדרותישן הייזער־בוי פֿאַר אַרבעטער,
אין דעם אויפֿבלי פֿון דער קאָנסום־ און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע,
אין דעם קרעפֿטיקן אַרײַנטריט פֿון דער הסתדרות אין דער מוניצי־
פּאַלער טעטיקייט, אין דער פֿאַרצווייגונג פֿון איר קולטורעלער אַר־
בעט, אין דער אומאויפֿהערלעכער און פֿון אינעווייניק אומגעשטער־

טער אויסברייטערונג פון דעם גאַנצן סיסטעם פון אירע אינסטיטו־ציעס.

ווי בײדע פּאַרטײען וואָס זײנען איר פּאָראויסגעגאַנגען און נאָך מער פון זײ, האָט מפּלגת פּועלי ארץ ישראל געשעפּט כוח און אינס־פּיראַציע פון אירע טיפע וואָרצלען אין דער חלוצישער קאָלאָניזאַציע. זי האָט מאָביליזירט דעם כוח און די השפּעה פונם גאַנצן אַרבעטער־ציבור צו הילף דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אויפן ציוניסטישן פראָנט, און פּאַראַלעל דערצו האָט זי מאָביליזירט די בעסטע כוחות פון די בשותפות׳דיקע ווירטשאַפטן — דער דאָזיקער געוואַלדיקער רעזערוו פון חלוצישע כוחות און אָנפירונגס־פעאיקייט — צו הילף דער באַוועגונג אויף אַלע פראָנטן פון איר קאַמף און אַלע שטחים פון איר שאַפן.

אויבערמאַכט פון דער מערהייט — אַ גאַראַנטיע פון דינסט פאַרן כלל

מיט דעם אַלעמען האָט די פּאַרטײ זיך נישט געיאָגט נאָך מאַכט לשם מאַכט. זי האָט אָבער געפאָדערט פאַר זיך די פולע פרײהייט צו טראָגן די אחריות אין אײנקלאַנג מיטן פרײען ווילן פון דער מער־הייט הסתדרות־חברים. אין דער אויבערמאַכט פון דער מערהייט האָט זי געזען די גאַראַנטיע פונם דינסט פאַרן כלל. זי האָט זיך אַליין אײנגעשלאָסן אין דעם דאָזיקן כלל און פון זיך געמאַכט אַ וועראַקצײג אים צו דינען. זי האָט אים נישט אויסגענוצט, נישט אים און נישט איר פּאָזיציע אין אים, פאַר אײגענע צוועקן — כדי צו הויבן איר פּרעסטיזש און צו פאַרגרעסערן איר כוח. זי האָט געוואוסט, אַז איר פּרעסטיזש און איר כוח און דער צוטרוי צו איר זײנען אָפּהענגיק פון איר זאָרג פאַר דעם גרויסן ווערק, פאַר דער ברייטער באַוועגונג, פון איר קענען טראָגן געטריי אויף אירע פּלייצעס די לאַסט פון דער אַלגעמײנער אחריות. געשטיצט אויף דער פעסטער און שטענדיקער מערהייט, האָט זי אָן וואַקלונגען זיך גענומען דאָס גאַנצע רעכט

פעסטצושטעלן די הויפּט־ליניעס פון דער פּאָליטיק פון דער הסתדרות, צו דערפילן איר שליחות אויף אַלע טעטיקייטס־געביטן, צו אַקטיוויזירן און קאָאָרדינירן אַלע אירע מכשירים און אינסטיטוציעס. אָבער מיט דער זעלבער פעסטקייט האָט זי געפאָדערט פאַר דער הסתדרות און איינגעהאַלטן אין די הענט פון דער הסתדרות — אַלס פרייע אָרגאַניזאַציע וואָס באַזירט זיך אויף דער פולשטענדיקער גלייכהייט פון אַלע אירע חברים — דאָס פולע אייגנטום־רעכט אויף אַלע אירע ווערק, די פולע באַלעבאַטישקייט אויף אַלע אירע אַרבעטס־צווייגן. זי האָט פון זיך קיינמאָל נישט געמאַכט אַ פאַרשלאָסענע קאַסטע פון אויסדערוויילטע כוהנים און מיוחס׳דיקע כלי קודש, וואָס באַהערשט די מערהייט אַ דאַנק איר באַזונדערער קוואַליטעט אָדער איינגעוואָרצלטער טראַדיציע. אירע טויערן זיינען תמיד געבליבן אָפן פאַר יחידים, קרייזן און גאַנצע פּאַרטייען, און זי האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו רופן אַלעמען זיך אָנצושליסן אין איר אָדער אויפצושטעלן געמיינזאַם אַ גרעסערע און גאַנצערע פּאַרטיי פון אַרבעטנדיקן קלאַס. אירע בעסטע לערערס האָבן נישט אויפגעהערט צו פלעגן אין איר אויך די אינערלעכע גרייטקייט אָפּצוטרעטן דעם פּלאַץ און איבערצוגעבן דעם רודער יעדן אַנדערן פּאַראַנטוואָרטלעכן כוח אין דער הסתדרות, וואָס וועט געווינען דעם פרייען צוטרוי פון דער מערהייט פון אירע חברים. די פּאַרטיי האָט תמיד אַרויסגעהויבן נישט איר שטענדיקע אידענטיפיצירונג מיט דער מערהייט, נאָר דעם פּרינציפּ פון אויבערמאַכט און באַשלוס פון דער מערהייט, ווי עס זאָלן נישט זיין איר צוזאַמענשטעל און כאַראַקטער. זי האָט איר אויבערמאַכט אין דער הסתדרות נישט אוועקגעשטעלט העכער פון אַנדערע פּאַרטייען פון וועלכן נישט איז פּאָליטישן אָדער געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, נאָר זי האָט אונטערשטראָכן דעם מאָראַלישן איבערוואג פון דער מערהייט־מאַכט לטובת דעם גאַנצן כלל אויפן יסוד פון גלייכע רעכט פון יעדן פרט — אַנטקעגן יעדער פאַרשוועכונג פון מינדערהייטן מיטן ציל צו באַפרידיקן זייערע סעפּאַראַטע באַדערפעניש, וואָס זיינען ביי זיי וויכטיקער פאַר אַלע אינטערעסן פון כלל.

ניט אויף יעדן סעקטאָר פון איר לאַנגן און קאָמפּליצירטן פראָנט האָט די פּאַרטיי אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. ניט אין יעדן תחום פון איר אחריות און איר טעטיקייט האָט זי מאָביליזירט אַלע אירע מעגלעכקייטן. צייטנווייז איז די לאַסט צו שווער געווען פאַר איר. עס זײַנען געווען געלעגנהייטן וואָס זײַנען פאַרבײַגעלאָזט געוואָרן. עס זײַנען געווען געביטן וואָס זײַנען פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. און אויך דאָס וואָס איז געטאָן געוואָרן איז אָפט אָפּגעשטאַנען, אין טעמפּאָ און אומפאַנג, פונם וווקס פון די באַדערפענישן און פון דער פאַרברייטערונג פון די מעגלעכקייטן. אין דער פּאַרטיי גופא זײַנען פאַרבליבן אַלטע שפּאַלטן און עס זײַנען דערשינען נייע, וועלכע האָבן שאָדן געבראַכט דער עפעקטיווער אייניקייט. שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי האָט ניט איינמאָל פּאַסירט, אַז איר בנין איז אויפגעטרייסלט געוואָרן ביזן יסוד צוליב האַרבע מחלוקת׳ן. אין געוויסע פאַלן איז געקומען אַ קלאָרע און קאָמפּעטענטע אַנטשיידונג פון דער מערהייט, נאָך אַן אָפענעם און גרינטלעכן ויכוח, און די אַנטשיידונג האָט באַשטימט די טעטיקייטס־ליניע וואָס האָט זי פּאַקטיש פאַרפליכטעט. אָבער עס זײַנען געווען באַשלוסן, וואָס די פּאַרטיי איז ניט געווען בכוח זיי אויסצופירן: און עס זײַנען געווען ויכוחים וואָס זי האָט ניט געהאַט דעם מוט צו אַנטשיידן אין זיי. ס׳האָט פּאַסירט, אַז אַ קאַמף צווישן קרײַזן און ריכטונגען האָט פּאַראַליזירט דעם צענטראַלן ווילן פון דער פּאַרטיי און אָפּגעשוואַכט איר טאַט־קרעפטיקייט. אַזוי צום בײַשפּיל איז ניט אויסגעפירט געוואָרן דער באַשלוס פון דער פּאַרטיי צו פאַראייניקן די קיבוצישע באַוועגונג. אַזוי אויך האָט די פּאַרטיי ניט מצליח געווען אונטערצוװאַרפן די יוגנט־דערציאונג און דעם החלוץ דעם ווילן פון דער מערהייט און זיי צו באַזירן אויף דעם פאַראייניקנדיקן עיקר, אַנשטאָט אויף די צעשיידנדיקע ניט וויכטיקע ענינים.

לאָמיר ניט פאַרקלענערן די דורכפאַלן און פעלערן און, אויף יעדן פאַל, לאָמיר זיי ניט איגנאָרירן. אין זיי ליגט די דערקלערונג פאַר דער שוואַכקייט פון אונזער פּאָזיציע אין וויפל תהומים היינט־

צו־טאָג; אין זיי ליגט אַ לערע און וואָרענונג פאַר דער צוקונפט. אָבער אַנטקעגן דעם אַלעמען לאָמיר זיך אויף איין מאָמענט פאָר־שטעלן, וואָס עס וואָלט געשען מיט אונזער באַוועגונג און מיט דעם גאַנצן ציוניסטישן ווערק, ווען מיר וואָלטן אין יענעם ווענדונגס־יאָר פון 1930, נישט מצליח געווען גובר צו זיין די פירוד־טראַדיציע פון די פריערדיקע יאָרן און זיך צו פאַראייניקן און שאַפן די מפלגת פּועלי ארץ ישראל, מיט אַלע אירע שוואַכקייטן און פגימות, אָבער אויך מיט אַלע דינאַמישע מעגלעכקייטן וואָס זי באַזיצט, מיט איר שאַפונגס־כוח און מיטן רוח הקודש וואָס לעבט אין איר.

רוקנביין פון ישוב
רודער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג

די פאַלגן פון דעם דערשיינען פון מפלגת פּועלי ארץ ישראל אויף דער בינע פון דער געשיכטע, האָבן ווייט אַריבערגעשטיגן די ראַם פון דער הסתדרות. די פאַראייניקונג, וועלכע האָט געשאַפן די פאַר־טיי, איז נישט בלויז געקומען אַרויספירן די אַרבעטער־באַוועגונג אויפן ברייטן שליאַך אין איר באַזונדערן אינעווייניקסטן תחום. פון אָנהויב אָן איז די פאַרטיי געווען דער רוקנביין פון גאַנצן ישוב, דער רודער פאַר דער שיף פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר דער אַלגעמיינער פּאָליטיק. די וויזיע פון דעם אַרבעטער־חלוץ וועגן זיין מיסיע אין דער באַנייאונג פונם פאָלקס־לעבן און וועגן זיין רעכט זיך צו שטעלן אין שפּיץ פון פאָלק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבעדיקע און באַשיינפּערלעכע ממשות'־דיקייט — אַ דאַנק דער פאַראייניקונג. די פאַרטיי האָט פאַרנומען איר אָרט בראש פונם ישוב און דעם ציוניזם נישט בלויז אַדאַנק איר צאָלמעסיקער שטאַרקייט, הגם אָן דער דאָזיקער צאָלמעסיקער שטאַר־קייט אין דער אספת הנבחרים און אין ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָלט זי בשום אופן נישט צוגעקומען צו אָנפירונג. אַנטשידן האָבן אָבער

נישט בלויז די ציפערן. אויפגעהויבן די פארטיי צו דער העכסטער מדרגה פון אחריות האט דער מאראלישער פרעסטיזש אירער אין די אויגן פון פאלק, הן צווישן די וועלכע האבן געשטימט פאר איר, הן צווישן די וועלכע זיינען געווען קעגן איר. און ווען די פארטיי איז געווען געצוואונגען שארף ארויסצוטרעטן קעגן די לעצטע, האט זי עס געטאן בעיקר שטיצנדיק זיך אויף איר מאראלישן כוח.

איר מאראלישער כוח איז באשטאנען דערין, וואס זי האט גערעדט אין נאמען פון א מחנה וועלכע האט געווידמעט איר לעבן דער אויסלייזונג פון פאלק; וואס בלויז אין איר וווקס און קאנסאלידאציע איז געווען אן אויסזיכט און א גאראנטיע פון נצחון פאר דער נאציאנאלער באפרייאונגס־באוועגונג; א מחנה, וואס זייענדיק פאראייניקט, איז זי ביכולת צו מאביליזירן אלע אירע טיילן, פרייוויליק, אן אויסערלעכן צוואנג און באפעלן פון אויבן, צו הילף דעם קלאס אדער פאלק אויף יעדן באדראטן פראנט־אפשניט, ווייל זי איז געווען אויף אלע פראנטן און אומעטום אין די פאדערשטע רייען; א מחנה וואס אירע שליחים זיינען געבליבן פארבונדן מיט די ערשטע, בראשית'דיקע שאפונגס־מקורות, ברידער און חברים פון דעם חלוץ וואס אקערן די ערד, פונם פארשוויצטן און פארשטויבטן ווערקשטאט־ארבעטער, פונם זון־פארברוינטן און האלב־נאקעטן בויארבעטער, פונם פישער אויפן ים, פונם פארטיידיקונגס־מאן אויף דער וואך, פונם פאליציסט, פונם זעלנער, פונם מאטראס, פונם פילאט — און פון יעדן פשוט'ן יידן וואס ארבעט ערגעץ ווו און פארדינט זיין ברויט מיטן שווייס פון זיין פנים.

די וואס האבן נישט אויפגעהערט צו קריצן מיט די ציין, אלע יארן, קעגן דער „הערשאפט פון מפא"י" און האבן תפילה געטאן אויפן קול אז זי זאל זינקען און פאלן, ווייסן מן הסתם אויך זייער גוט ביי זיך אין הארצן וואס וואלט געשען מיטן ישוב און מיט דער ציוניסטישער באוועגונג אין די שווערע יארן פון פורעניות'ן, גזרות און אויפטרייסלונגען; וואס וואלט געווען דער גורל פון די גוואלדיקע איינמאליקע געלעגנהייטן פון דעראבערונג און אויפשטייגן, — ווען עס וואלט נישט אויפגעשטאנען דער דאזיקער פאראייניקטער

און געשלאָסענער, אַמאָל אַקטיוויזירנדיקער און אַמאָל טאַרמאַזירנ־
דיקער כּוח; די דאָזיקע קאָנצענטראַציע פון אחריות און פירער־
שאַפט־פעאיקייטן, וואָס אירע שליחים געפינען זיך אויף אַלע פראָנט־
אָפּשניטן און איר הויפּט־שטאַב באַזיצט, אָנפירנדיק מיט זיי, די
פּערספּעקטיוו פון דער גאַנצער שלאַכט מיט אַלע אירע אויסזיכטן און
סכנות. די אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי אַלס צענטראַלער אַקס פון
אַלע פאָלקס־באַמיאונגען, אַלס שלאָס וואָס שליסט צונויף פון אי־
נעווייניק אַלע פליגלען פונם בנין, איז דערוויזן און דעמאָנסטרירט
געוואָרן אויף יעדער שטופּע פון דער דאָזיקער ־20־יעריקער תקופה.

ווען עס איז אויפגעגאַנגען דער שטערן פון ארלאזאראוון

דער ערשטער שלאַגנדיקער באַווייז פון דער נאַציאָנאַלער שלי־
חות פון דער פּאַרטיי, איז געגעבן געוואָרן גלייך נאָך איר אַנט־
שטיין — ווען ס׳איז אויפגעגאַנגען דער שטערן פון חיים ארלאזא־
ראוו׳ן אויפן הימל פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק. זיין אויפשטייגן
צו דער פּאָליטישער לייטונג אין ירושלים האָט סימבאָליזירט אַ
באַשייַנפּערלעכע ענדערונג אין לעבן פונם ישוב און פון דער באַ־
וועגונג. דער איבער־גאַנג פון דער פריערדיקער פּאָרשטייערשאַפט
פון די אַרבעטער־פּאַרטייען אין דער ציוניסטישער לייטונג צו דער
שליחות פון ארלאזאראוו׳: אין איר — איז נישט געווען אַן אויפ־
שטייג אין גראַד, נאָר אַ וועזנטלעכע ענדערונג. און נישט צוליב
דעם כּוח פונם מענטשן, נאָר צוליב דעם נייעם מעמד וואָס די באַ־
וועגונג האָט דערוואָרבן. ארלאזאראוו איז דעלעגירט געוואָרן אין
דער ציוניסטישער לייטונג כּדי צו דערפילן אין איר אַ צענטראַלע,
איניציירנדיקע און באַשטימענדיקע אויפגאַבע. ער האָט מיט זיך
געבראַכט אַ טייערן אוצר פון גייסטיקן פאַרמעגן און שאַפונגס־כּו־
חות, וועלכע זיינען געווען פאַראייניקט אין זיין פּערזענלעכקייט.
אָבער זיינע געוואַלדיקע מעגלעכקייטן וואָלטן בשום אופן נישט גע־

קומען צום פולן אויסדרוק, ווען הינטער זיי וואָלט נישט געשטאַנען אַ פאַראייניקטע און קרעפטיקע אַרבעטער־פאַרטיי, ווען ער וואָלט זיך נישט געשטיצט אויפן רוב מנין און רוב בנין פון דער חלוציִשער מחנה. אויב מען קען פאַרגלייכן ארלאָזאָראָוו׳ן מיט אַן אָדלער, זיינען אים די פליגלען אויסגעוואַקסן דורך דער גרינדונג פון מפלגת פועלי ארץ ישראל.

ארלאָזאָראָוו איז פאַרשניטן געוואָרן דורך אַ פאַרברעכערישער האַנט. אָבער די אחריות פון דער פאַרטיי פאַר דער לייטונג פון די ציוניסטישע ענינים האָט זיך נאָך זיין טויט נישט פאַרקלענערט, נאָר איז נאָך גרעסער און ברייטער געוואָרן. צו דער אחריות פאַר דער פּאָליטיק איז צוגעקומען די אחריות פאַר די פינאַנצן און פאַרן אויפבוי־ווערק, און צום סוף איז געקומען די אחריות פאַר דער אָנפירונג מיט דער לייטונג. וואָס ברייטער עס זיינען געוואָרן אונזערע פּאָזיציעס אין לאַנד, ווען די קאָלאָניזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין צפון און אין נגב, ווען די שטעט האָבן אָנגעהויבן וואַקסן, און די אינדוסטריע — זיך אַנטוויקלען; ווען די פאַרטייִדיקונגס־פּראָבלעמען זיינען האַרבער געוואָרן און די פּאָליטישע האָריזאָנטן האָבן זיך פאַרטונקלט — אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן אין מפלגת פועלי ארץ ישראל דער באַוואוסטזיין פון איר צענטראַלער אחריות פאַר די ענינים פון גאַנצן פאָלק, אַלץ ברייטער איז געוואָרן דאָס טעטיקייטס־פעלד ווו אירע שליחים האָבן געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָל. די וואָרצלען פונם בוים זיינען געגאַנגען אין דער טיף, זיין שפּיץ איז געשטיגן אין דער הויך, זיין קרוין איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן. בייזע ווינטן האָבן געהוליעט אַרום אים. ער איז געשטאַנען פעסט.

נישט ווי די וואַסערן פון שילוח

ווען נייע חברים, וואָס האָבן זיך ערשט איצט אָנגעשלאָסן אין דער פאַרטיי, אָדער קינדער וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין דער לעצטער צייט, וואַרפן אַ בליק אויף אָט־די פאַרגאַנגענע יאָרן, אויפן ערשטן צענדליק יאָרן פון דער פאַרטיי, דוכט זיך זיי אודאי אַז דאָס לעבן איז דעמאָלט געפלאָסן אַזוי לאַנגזאַם ווי די וואַסערן פון השילוח אין פאַרגלייך מיט די רוישיקע און בייזע שטראָמען וועלכע האָבן אונז פאַרפלייצט די לעצטע יאָרן. געוויס איז דער ערשטער צענדליק יאָרן נישט צו פאַרגלייכן מיטן צווייטן — אין הינזיכט פון שפּאַנונגען, שוועריקייטן און אָנשטרענגונגען. פונדעסטוועגן: די פון אונז וואָס האָבן מיטגעמאַכט יענע צייט, און וואָס יענע יאָרן, וועלכע זעען היינט אויס אַזעלכע לייכטע און פשוט'ע, זיינען אַ שטיק פון זייער לעבן, זיי ווייסן און געדענקען גוט ווי שפּאַנונגספול עס זיינען געווען די־אָ יאָרן, לויט אונזערע דעמאָלטיקע באַגריפן, ווי האַרב עס זיינען געווען די נסיונות וואָס מיר זיינען בייגעשטאַנען אין פאַרגלייך צו אונזערע דעמאָלטיקע מעגלעכקייטן, און ווי די גאַנצע באַוועגונג האָט זיך אויסגעלייטערט און אויסגעשמידט אין די דאָזיקע נסיונות אַנטקעגן די פורעניות'ן, וועלכע האָבן אונז דערוואַרט אין דער צוקונפט.

יענער פּאָליטישער קריזיס, וועלכער האָט געבראַכט צו דער פאַראייניקונג פון 1930, איז אויפן ערשטן קוק, גיך ליקווידירט געוואָרן. דער פּרינציפּ פון עליה לויט דער עקאָנאָמישער אויפנאַמפעאיקייט, וועלכער איז נעגירט געוואָרן אין פּאַספילד'ס ווייס־בוך, איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן אין מאַקדאָנאַלד'ס בריוו צו ווייצמאַנען. דער דאָזיקער בריוו איז געווען, אין זיין עיקרדיקן טייל, די פּערזענלעכע פּאָליטישע דערגרייכונג פונם פּרעזידענט פון דער יידישער אַגענץ. דעמאָלט האָט דער כוח פון דער סוכנות נאָך געסטייעט דערויף. אַ געוויסן חלק אין דער דאָזיקער דערגרייכונג — אַ זייטיקן, אָבער כאַראַקטעריסטישן — האָט געהאַט אונזער

פאַרשטאָרבענער חבר, אונזער געבענטשטער שליח, דוב האָז, און, ווי משונה'דיק דאָס זאָל נישט אויסזען, דוקא א דאַנק זיינע פאַרזענלעכע באַציאונגען מיט בעווינען. גלייכצייטיק מיטן נצחון אויפן פראָנט פון דער עליה־פּאָליטיק זיינען די סכנות אויפן פראָנט פון אינערלעכן רעזשים אין לאַנד געבליבן ווי געווען — די שאַפונג פון א געזעצגעבערישן ראַט מיט אַן אַראַבישער מערהייט, — און אויפן באָדן־פראָנט — געזעצן צו באַשרענקען די יידישע קאָלאָניזאַציע. די פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע פּלענער איז אָפּגעלייגט געוואָרן צוליב דער נאָמינירונג פון א נייעם הויך־קאָמיסאַר, אָבער די פּלענער זיינען נישט בטל געוואָרן.

מיט דער נאָמינאַציע פונם נייעם הויך־קאָמיסאַר האָט ארלאזאַראָוו פאַרבונדן האָפענונגען אויף א נייער תקופה בנוגע דעם טעמפּאָ פונם אויפבוי און זיינע מאַסשטאַבן, ווי אויך די מיליטערישע הכנות אין פאַראויסזעאונג פון צוקונפטיקע געשעענישן, און קודם כל די שאַנסן צו באַוועגן פונדאַסניי די בריטישע הערשאַפט צו דערפילן אירע היסטאָרישע התחייבות'ן. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און ער איז שוין געשטאַנען אין מיטן פון א ביטערן און אויסזיכטלאָזן קאַמף פאַר יעדן קליינעם עליה־קאָנטינגענט, פאַר יעטוועדער אויסבעסערונג און קעגן אַלע אונז פיינטלעכע שריט פון דעם באָדן־רעזשים, פאַר יעדן ווינציקן אָנהויב פון א יידישן פאַרטיידיקונגס־כוח. במשך די 20 חדשים פון זיין אַמטירן אין דער ציוניסטישער לייטונג, האָט ער געהאַט גלענצנדיקע דיפּלאָמאַטישע נצחונות, אָבער די פּערזענלעכע הצלחות האָבן אים קיינמאָל נישט באַרוישט, אַז ער זאָל נישט זען, אַז ער איז דערגאַנגען צו א קריטישן פּונקט אין זיין ציוניסטישער פּאָליטיק. די פיינטלעכע ביוראָקראַטישע רוטינע, דער דרוק פון דער אַראַבישער מערהייט און די אַבסאָלוטע הערשאַפט פון א פרעמדער און צו זיינע התחייבות'ן פאַרלייקנדיקער מאַכט, האָבן פאַר אים פאַרשטעלט אַלע וועגן פון א ברייטער טעטיקייט. זיך שווער ראַנגלענדיק מיט זיך אַליין, האָט ער געפּרוווט זוכן אַן אויסוועג אין דעם דרייסטן און אילוזאָרישן פּלאַן — צו פאָדערן פון ענגלאַנד, זי זאָל איבערגעבן דאָס לאַנד א

ציוניסטישער מיליטערישער דיקטאַטור אויף אַ געוויסער צייט, ביז עס וועט געשאַפן ווערן די יידישע מערהייט. ער איז דערמאָר־דעט געוואָרן אין אַ מאָמענט ווען זיין גייסט האָט זיך אַרומגע־פלאָגט צווישן דעם דאָזיקן חלום און דער ביטערער נויטווענדיקייט צוצוגרייטן דעם ישוב און די באַוועגונג צו די דראָענדיקע גזרות.

ווען דער ישוב איז פאַרטאָפּלט געוואָרן אין פיר יאָר

נאָכן טויט פון ארלאַזאראָוו'ן, צוזאַמען מיט דער אונטעראייַלונג פונם פּראָצעס פון אויסוואָרצלונג און חורבן פון דייטשישן יידנ־טום, איז פאָרגעקומען די ראַדיקאַלע ענדערונג אין די מאַסשטאַבן פון דער עליה. די קאָנטינגענטן פון דער אַרבעטער־עליה זייַנען שטאַרק געשטיגן און דער קאַמף פאַר זיי איז געוואָרן אויסזיכט־פולער. אַ גרויסע עליה, לויט די באַגריפן פון די פריערדיקע יאָרן, האָט געשטראָמט אין לאַנד אומגעשטערט אויך אַ חוץ דעם קאָנטינגענט. דער ישוב וואָס האָט געציילט 194 טויזנט נפשות סוף יאָר תרצ"ב, איז מער ווי פאַרטאָפּלט געוואָרן במשך פון פיר יאָר, און איז צום סוף פון יאָר תרצ"ו אויסגעוואַקסן ביז 397 טויזנט נפשות. אָבער גלייכצייטיק מיט דעם וווּקס פון דער עליה איז אויך געוואַקסן די קעגנערשאַפט צו איר מצד די אַראַבער. דער פּאָליטישער גע־ראַנגל פאַר דער פאָרזעצונג פון דער עליה, קעגן איר ווילקירלעכן איבעררייס אונטערן דרוק פון די אַראַבישע דראָאונגען, איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ פראָנט. זייער גיך האָט זיך געעפנט אַ צווייטער פראָנט — צו פאַרטיידיקן דאָס יידישע שוץ־געווער. נישט אָפּשטעלן די עליה און נישט אָפּגעבן דאָס געווער — דאָס זיינען געווען פאַר דער פאַרטיי גרונט־פּאָזיציעס, פון וועלכע זי איז נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין האָר.

דווקא אין יענע טעג, גלייכצייטיק מיט דער צעפלאַקערונג פון דעם שנאה־פייער אין לאַנד, האָבן זיך באַוויזן אויסזיכטן אויף אַ

פּאָליטישן הסכם מיט דער אַראַבישער באַוועגונג. די פּאַרטיי האָט זיך ערנסט באַשעפטיקט מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם. פּרינציפּן וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן אויף אירע באַראַטונגען, זיינען געוואָרן דער קנין פונם כּלל און האָבן יאָרן־לאַנג געדינט אַלס יסוד פון דער אָפיציעלער פּאָליטיק פון דער יידישער אַגענץ. ווען עס איז אויסגעבראָכן די איטאַליעניש־עטיאָפּישע מלחמה, וועלכע האָט אָנגעזאָגט די אָנקומענדיקע וועלט־מלחמה, זיינען פאַרשווונדן געוואָרן די דאָזיקע אויסזיכטן, אָבער די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין דער פראַגע פון אַ הסכם מיט די אַראַבער האָט אַרויסגעראַטעוועט די ציוניסטישע באַוועגונג פון דער סכּנה פון אַן אינערלעכן קריזיס און איר געגעבן דעם מאָראַלישן בטחון ווייטער צו גיין אויף איר וועג און צו זאַמלען כּוחות אויף קומענדיקע טעג.

צוזאַמען מיט די אויסערלעכע פראָנטן האָבן זיך געעפנט אויך אינעווייניקסטע פראָנטן, וועלכע האָבן צעריסן דאָס לעבן פון ישוב און אַריינגעבראַכט אַ צערודערונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. די פּאַרטיי האָט געדינט אַלס הויפּט־באַריער קעגן דעם מוטנעם שטראָם פון רעוויזיאָניזם, וועלכער האָט געזוכט צו פאַרוואַנדלען די ציוניסטישע פּאָליטיק אין אַן אַוואַנטוריסטישער באַרימערייי, צו פאַרבייטן דעם רעזשים פון אָרגאַניזירן דעם ישוב דורך דיסציפּלין לגבי דער אויבערמאַכט פון דער געוויילטער ציוניסטישער לייטונג אין אַ הפקרות פון באַנדעס, צו שטערן דעם פּראָצעס פון אָנזאַמלען אַ ממשות׳דיקן כּוח — דורך אַ פּוסטער פּראָקלאַמאַציע פון קלינגענדיקע לאָזונגען, אָפּצווענדן די יוגנט פון דעם שווערן און שאַפנדיקן חלוצישן וועג און זי פאַרפירן אויף דרכים פון פּרוכטלאָזע און צעשטערערישע מעשים.

אין דער זעלבער צייט האָט די פּאַרטיי זיך געשטעלט מיט איר גאַנצער מאָראַלישער קראַפט קעגן די כּסדר זיך איבערחזרנדיקע פּרוון פון די קרייזן פון ברית שלום צו דערשיטערן די אינערלעכע זיכערקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אונטערצוגראָבן די יסודות פון איר גלויבן אין דער גערעכטיקייט פון איר זאַך.

דאָס גאַנצע לעבן איז געוואָרן אַ פֿראָנט

אויף דעם דאָזיקן פֿאָן פֿון פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע קאַמפֿן זײַנען אויסגעבראָכן די אומרועןפֿון תּרצ״ו (1936). דער פּאָליטישער פּאַרטיידיקונגס־פֿראָנט פֿון דער עליה איז דורך־נאַכט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿראָנט פֿון בלוט און פֿײַער, וועלכער האָט געדראָט אַ סוף צו מאַכן צו דער עליה און חרוב צו מאַכן דעם ישוב. מיט קורצע און לאַנגע הפסקות האָבן די אומרועןגעדויערט קרוב פֿיר יאָר און פֿון דעמאָלט ביז היינט האָט נישט אויפֿגעהערט פֿאַר דער פּאַרטיי דאָס לעבן פֿון הויכער שפּאַנונג.

דאָס איז געווען אַ צײַט פֿון גרויסער אחדות פֿון גאַנצן ישוב, פֿון אַלע זײַנע טיילן. דאָס איז אָבער אויך געווען אַ צײַט פֿון האַרבן עקזאַמען פֿאַר דער כאַראַקטער־פֿעסטקייט און קלאָרזיכטיקייט פֿון דער פּאַרטיי. דאָס גאַנצע לעבן איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿראָנט — עטלעכע פֿראָנטן אויף איין מאָל. געוואַלדיקע כוחות זײַנען אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין דער אַרבעט צו באַפֿעסטיקן די פּאַרטיידיקונג פֿונעם ישוב, און צום ערשטן מאָל איז געשאַפֿן געוואָרן אַן אָפֿענער יידישער פּאַרטיידיקונגס־כוח. מיט אַן אומדערמידלעכער פֿעסטקייט וואָס האָט נישט געוואוסט פֿון קיין צוריקטריט, האָט די פּאַרטיי געפֿירט דעם פּאָליטישן פּאַרטיידיקונגס־קאַמף פֿאַר דער עליה. זי האָט אויך דערקלערט אַ שאַרפֿן געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף דעם רעוויזיאָניזם, וועלכער האָט געבושעוועט מיט מעשים פֿון בלינדער, נישט־צוועקמעסיקער און שעדלעכער נקמה. זי האָט צו־נישט געמאַכט יאוש־פּלענער פֿון אומקאָמפּעטענטע גרופּן, וועלכע האָבן געוואָלט זיך אײַנקויפֿן שלום און אַן אילוזאָרישע זיכערקייט פֿאַרן פּרײַז פֿון מוותר זײַן אויפֿן לעבנס־יסוד פֿון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג — די אומאויפֿהערלעכע עליה — דער ברען־פּונקט פֿון דער גאַנצער בלוטיקער מלחמה, דער ציל פֿונעם אָנגריף און דער אָביעקט פֿון דער פּאַרטיידיקונג צוגלייך. די אַלע אַקציעס זײַנען געפֿירט געוואָרן דורך דער

אַגענץ־עקזעקוטיווע, דעם ועד הלאומי, דעם שטאַב פֿון דער הגנה, דעם ועד הפּועל פֿון דער הסתדרות, דעם ענגן ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. אָבער זיי אַלעמען האָט פֿאַראייניקט דער זעלבער כּוח וואָס האָט זיי אַלעמען אַקטיוויזירט, — מפּלגת פּועלי ארץ ישׂראל.

אַ באַשיינפּערלעכער באַווייז פֿאַר דער האַרמאָנישער טעטיקייט פֿון דער פּאַרטיי איז געווען דער חלוציש־מיליטערישער אויפֿטו פֿון דער חומה־ און מגדל־קאָלאָניזאַציע. די איניציאַטיוו דערפֿון איז געבוירן געוואָרן אין דער פּאַרטיי, און דער כּוח עס צו פֿאַרווירקלעכן איז געשעפּט געוואָרן פֿון אירע מקורות. אירע פֿאָרשטייער אין דער פּאָליטישער לייטונג, אין דער פֿינאַנציעלער לייטונג, אין די קאָלאָניזאַציע־אינסטיטוציעס און קאָלאָניזאַציע־אָרגאַניזאַציעס, אין שטאַב פֿון דער הגנה — האָבן אַלע פֿונקציאָנירט ווי איין קערפּער כּדי אויסצופֿירן דעם נייעם קאָלאָניזאַטאָרישן געבאָט פֿון העכסטער אויסנאַם־צייט.

זאָלן די דאָזיקע ווערטער נישט פֿאַלש אויסגעטייטשט ווערן. די פּאַרטיי פֿאַרנעמט נישט מיט איר טעטיקייט דעם אָרט פֿון די קאָמפּעטענטע אינסטאַנצן. זי גייט נישט אַריין אין זייערע קאָמפּעטענצן. זי צווינגט אויך נישט אירע פֿאָרשטייער צו האַנדלען קעגן זייער געוויסן און באַוואוסטזיין. זי פֿירט בלויז דורך, פֿאַר דער אָפֿיציעלער אַנטשיידונג, אינערלעכע באַראַטונגען און פֿאַרהאַנדלונגען. זי צייכנט אָן אַ געוויסע ליניע פֿאַר דער קומענדיקער טעטיקייט. זי איז אַ מקור פֿון אינספּיראַציע. דורך אירע קאַנאַלן דערגייען די השפּעה און די קריטיק פֿון די חברים פֿון דער ריי צו די וואָס שטייען אין דער שפּיץ. זי זיכערט אַן איינהייטלעכע טעטיקייט. זי מאָביליזירט די שטיצע פֿון דער געזעלשאַפֿט און פֿאַרטיפֿט איר פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער פּאָליטיק וואָס ווערט באַשטימט.

דער חלוקה־פֿאָרשלאַג פֿון דער פּיל־קאָמיסיע

אין יענע יאָרן פֿון פֿאַרביטערונג און צאָרן, בעת דער ערשטער פֿויזע אין דער כוואַליע פֿון די געוואַלט־טאַטן, איז צום ערשטן מאָל אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין אונזער וועלט דער לאָזונג פֿון אַ יידישער מדינה אין אַ טייל פֿון לאַנד, אַלס פּראַקטישע און דרינגנדיקע לעזונג פֿון דעם קאָמפּליצירטן און בלוט־באַדעקטן פּראָבלעם.

דער לאָזונג פֿון אַ יידישער מדינה אין מויל פֿון נישט־יידישע פּאָליטיקער איז געווען אַ גרויסע בשורה. דאַקעגן, דער פֿאָרשלאַג צו צעשניידן דאָס לאַנד און צוצורייבן פֿון יידישן פֿאָלק דעם גרעסטן טייל פֿון זיין שטח האָט אַלעמען שטאַרק דערשיטערט. דער ויכוח, וואָס האָט זיך צעפֿלאַקערט אַרום דעם חלוקה־פֿאָרשלאַג, האָט געדראָט צו שפּאַלטן די ציוניסטישע באַוועגונג. די שייד־ליניע צווישן ביידע לאַגערן איז דורכגעגאַנגען דורכן גוף פֿון דער פּאַרטיי, דורך איר האַרץ גופֿא, אָבער די פֿעסטע אינערלעכע צוזאַמענגעשלאָסנקייט פֿון דער פּאַרטיי, דאָס באַוואוסטזיין פֿון אַ ברידערלעכן בונד, וואָס האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין איר, און דער טיפֿער, דער געוואַלדיקער ערנסט פֿון בערל קאַצנעלסאָן, האָבן געראַטעוועט נישט בלויז די פּאַרטיי אַליין, נאָר אויך די גאַנצקייט פֿון דער גאַנצער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אינעווייניק אין דער פּאַרטיי איז געפֿונען געוואָרן דער אויסוועג, וואָס, אָפּהיטנדיק די גאַנצקייט פֿון דער באַוועגונג, האָט ער דערמעגלעכט דער ציוניסטישער לייטונג אויפֿצוקלערן ביז צום סוף די שאַנסן פֿון פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם חלוקה־פֿאָרשלאַג.

די זיג־זאַגן פֿון דער בריטישער פּאָליטיק, וועלכע זיינען געקומען נאָך דעם פֿאָרשלאַג האָבן באַוויזן, אַז ער איז בכלל געווען איבעראיילט און נישט רייף און אַז עס איז הינטער אים נישט געשטאַנען קיין כוח וואָס זאָל דינען אַלס טרייב־קראַפֿט פֿון פֿאַרווירקלעכונג. מען קען נישט זאָגן מיט דער גאַנצער זיכערקייט ווי די עני־

נים וואָלטן זיך אַנטוויקלט ווען דער ציוניסטישער קאָנגרעס וואָלט אָנגענומען דעם פּאָרשלאַג אַזוי ווי ער איז און גלייך אויפן אָרט. עס איז פֿאַראַן אַ גענוגנדיקער גרונט אָנצונעמען, אַז ער וואָלט דערמיט געבראַכט אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג אַ סכנה פון צעשפּליטערונג, נישט־דערגרייכנדיק דעם געגאַרטן ציל פון זעלבסט־שטענדיקייט. יעדנפאַלס, אין דער דאָזיקער לאַגע פון פרשת דרכים איז די שטעלונג פון מפלגת פּועלי ארץ ישראל געווען דער בעסטער אויסדרוק פונם אינסטינקט פון זעלבסטשוץ פון דער באַוועגונג אַלס אינסטרומענט פון פאַרווירקלעכונג און געראַנגל פאַר דער צו־קונפט.

דאָס ווייס־בוך און די וועלט־מלחמה

די געראַטעוועטע אייניקייט פון דער באַוועגונג האָט זיך אַרויס־געוויזן אַלס זייער נויטיק פאַר איר, ווען דער ציקל פון די זיג־זאַגן פון דער בריטישער פּאָליטיק האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער ליקווידאַציע — און דערשטיקונגס־גזירה פונם ווייס־בוך פון 1939. די באַוועגונג האָט ווידער איבערגעלעבט אַ קריזיס, דעם שווערסטן וואָס זי האָט ביז איצט אַדורכגעמאַכט — אַ קריזיס פון אַנטויי־שונג, דערשלאָגנקייט, דעזאָריענטאַציע, אָפּהענטיקייט, מאַכטלאָזע פאַרביטערונג, יאוש־געדאַנקען, מאַנגל פון גלויבן אין דער נוצ־לעכקייט פונם געראַנגל און אַ ביטערער ברידער־קריג. ווידער האָט דער קריזיס זיך געלאָזט מערקן דורך זיין צעשטערערישער און פּאַ־ראַליזירנדיקער ווירקונג אויפן קערפּער פון דער פּאַרטיי. אמת, דער דאָזיקער קריזיס איז אין אַ געוויסער מאָס און אויף אַ געווי־סער צייט איינגעפרוירן געוואָרן דורך דער וועלט־מלחמה.

פאַר דער פּאַרטיי איז געקומען אַ צייט פון נייע נסיונות — אַן עקזאַמען פון אירע עקזיסטענץ־כוחות, פון איר פּאָליטישן פאַר־נונפט, פון איר אויפמערקזאַמען צוהערן זיך צו די באַגערן פון

פאָלק, פון איר פאראויסזיכטיקייט. אין רעכטן געווירבל פון די פּראָבלעמען אַרום איר, אינמיטן פון אַלע רייבונגען וואָס האָבן געריסן איר ליִיב, אין די פינסטערנישן פון דער אומבאַוואוסטער צוקונפט, וועלכע האָבן זי אַרומגענומען, האָט זיך פון איר געפּאָ־דערט אָנצוצייכענען אַ וועג פאַר זיך אַליין און צו רופן דעם גאַנצן כלל צו גיין מיט איר.

דער וועג איז אָנגעצייכנט געוואָרן — מיט שווערע ראַנגלענישן, אָבער מיט אַ וואַקסנדיקן בטחון. קיין שום פּשרה מיטן רעזשים פון ווייס־בוך, קיין שום רעזיגנאַציע. אויב די וועלט־מלחמה פאַרפליכטעט אונז צו פארזיכטיקייט אין דער טאַקטיק פונם געראַנגל מיט די גזירות פונם ווייס־בוך טאָר אָבער נישט זיין קיין מאָראַלישע אַנטוואָפענונג, קיין אָפּשוואַכונג פון דער קעגנערשאַפט, מען מוז שטענדיק זיין גרייט דעם דאָזיקן רעזשים אַראָפּצוּוואַרפן. פּראָטעסט און מאַסן־דעמאָנסטראַציע קעגן יעטוועדער נייער גזירה. אַלע מעגלעכע תחבולות כדי אויסצומיידן דעם באָדן־געזעץ. הילף פאַר אַלע אָנשטרענגונגען פון דער העפּלה אין דער עצם מלחמה. מאָביליזירן אַ כוח און אים באַוואָפענען אַנטקעגן צוקונפטיקע געשעענישן.

און מיט דעם אַלעם — אנערקענען די וועלט־מלחמה אַלס מלחמה פון יידישן פאָלק קעגן זיין בלוט־שונא. אַקטיוו און דירעקט זיך באַטייליקן אין איר. פרייוויליקע מאַסן־מאָביליזירונג אין בריטישן מיליטער — ווייל די בריטישע אַרמיי איז געווען די איינציקע פּראַקטישע ראַם פאַר דער דערשיינונג פונם ישוב אויף דער וועלט־אַרענע אַלס קעמפנדיק פאָלק. בילדונג פון יידישע נאַציאָנאַלע איינהייטן פון די פרייוויליקע. שטרעבונג צום פראָנט און צו דער שלאַכט. זאָרג פאַרן גלות. אומאויפהערלעכע באַמיאונגען צו ראַטעווען, אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט דעם געפייניקטן יידנטום און דערגיין צו אים. אַוועקשטעלן דעם ישוב אַלס דעם צענטראַלן טרעגער פון אחריות פאַרן גורל פון יידישן פאָלק, אַלס קערן פון דער יידישער זעלבסטשטענדיקייט, וועלכער באַשטימט סוווערן זיין פּאָליטיק אין דער וועלט־מלחמה, אַלס דער איינציקער אויסגע־

קריסטאַליזירטער ממשות'דיקער כוח פון יידישן פאָלק, א כוח וואָס דערווייזט אַז ער איז ביכולת צו ראַטעווען און אויסצולייזן אויך אין די באַדינגונגען פון די פאַרשאָלטענע גזירות וואָס לאַסטן אויף אים.

דאָס איז געווען דער וועג. נישט קיין גלייכער, נישט קיין לייכ־טער, פול מיט גריבער און זייטן־אָפּנייגונגען, קלעטערונגען אַרויף און אַרונטער. פאַרפאַלן — אַזאַ איז דאָס לעבן, אַזאַ איז די ווירק־לעכקייט, מיר מוזן זיך ראַנגלען, אָבער אָפּהיטן אונזער כוח, מיר מוזן וואַקסן לטובת דעם געראַנגל, לטובת דער צוקונפט. נישט מסדה, נישט געטאָ וואַרשע. כבוד און אייביקער רום די קעמפער פון דער יאוש־מלחמה, אָבער נישט דאָס איז די מיסיע פון ישוב.

די פאַרטיי בראש פון דער פרייוויליקייט־באַוועגונג

די פאַרטיי האָט אָנגעצייכנט דעם וועג און אירע חברים זיינען מיט דעם וועג געגאַנגען. דער כוח פון דער פאַרטיי ליגט אין דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג פון אירע לאָזונגען, בפועל ממש. די ווירקונג פון אירע לאָזונגען ליגט אין זייער כוח אַרויסצורופן אַ נייע כוואַליע פון חלוצישער פרייוויליקייט פאַר דירעקטער זעלבסט־פאַרווירקלעכונג.

די מאָביליזאַציע־אַקציע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה וואָלט נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוועגונג, וואָלט נישט דער־גרייכט אירע גרויסע מיליטערישע מאַסשטאַבן, איר אויסערן־פּאָ־ליטישן ווערט, איר אינערן־נאַציאָנאַלן ווערט, איר דערהויבענעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, ווען זי וואָלט נישט אויסגעטראָגן גע־וואָרן אויף די פּלייצעס פון די מאַסן פון דער פאַרטיי, צווישן זיי פון די בעסטע און געטרייסטע חברים אירע.

און ווידער האָט דאָ געווירקט מיט זיין גאַנצער קראַפט דער סוד פון צוזאַמענגעפלאָכטנקייט, אין אינערלעכן לעבן פון דער פאַרטיי,

פון דער פּאָליטישער אָנפירונג, וועלכע האָט באַשטימט די מאָבילי־זאַציע־פאָרמען פון אויסענווייניק און זיך געראַנגלט פאַר זייער נאַ־ציאָנאַלן כאַראַקטער, און דעם שטאַב פון דער הגנה, וועלכער האָט דערפילט די אויפגאַבע פון אַ מאָביליזירנדיקער אינסטיטוציע, און די חברים פרייוויליקע, וועלכע האָבן זיך געווידמעט דער אַרבעט צו געשטאַלטן די פרייוויליקייטס־באַוועגונג פון אינעווייניק, האָבן איר געדינט אַלס גרונטשטיין אין פּאָליטישער רוקן־ביין און זיינען געווען די טרעגער פון איר גייסט און איר מיסיע אין דער אייגענער מחנה און אויפן פראָנט.

די דאָזיקע צונויפפלעכטונג פון די טרייב־כוחות אין דער באַ־וועגונג, די דאָזיקע קעגנזייטיקע באַפרוכפערונג פון דער פּאָליטי־שער איניציאַטיוו און דער חלוצישער האַרטנעקיקייט האָבן געגעבן אונזער פאָלק דעם היסטאָרישן קנין פון דער יידישער בריגאַדע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, די בריגאַדע וועלכע האָט אויפגעהויבן די יידישע פאָן אויפן פראָנט און זי פונאַנדערגעוויקלט נאָך דער מלחמה אַלס פאָן פון קיבוץ גלויות, פאַר די אויגן פון דער גאַנצער שארית הפליטה פון אייראָפּעאישן יידנטום.

אַזאַ איז אויך געווען די געשיכטע פון דער פאַראַשוטיסטן־עפּאָ־פּייע — קליין אין אירע מאַסשטאַבן, אָבער גרויס מיט איר גבורה, געוואַלטיק מיט איר גייסט און מיט דער טייערקייט פון איר קרבן. דאָס האָבן חברים פון דער פּאַרטיי די ערשטע אַרויסגעשטעלט דעם געדאַנק, און חברים פון דער פּאַרטיי זענען אויך געווען צווישן די וואָס האָבן אים פאַרווירקלעכט און זיך באַטייליקט אין דער גע־שאַפענער בריגאַדע.

און ווידער זיינען עס געווען חברים פון דער פּאַרטיי וואָס זיינען געווען צווישן די ערשטע איניציאַטאָרן פונם געדאַנק פון פּלמ״ח און צווישן זיינע ערשטע פירער. די געשטאַלט פון דעם דאָזיקן ערשטן לחלוטין זעלבסטשטענדיקן יידישן מיליטערישן כוח, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן און אויסגעוואַקסן און זיינע ערשטע שלאַכטן אָפּגעהאַלטן אין אונטערגרונט, און זיך אַרויסגעוויזן אין דער גאַנצער פּראַכט פון זיין גבורה, פאַר אַלעמענס אויגן, אין דער

באַפרייאונגס־מלחמה — איז שפּעטער פאַרקריפּלט געוואָרן, און זיין נאָמען איז פאַרשוועכט געוואָרן. אַ גרויסן חלק האָט דערין די פּאַרטייאישע אויסנוצונג פונם נאָמען פון פּלמ״ח מצד געוויסע געזעלשאַפטלעכע כוחות. הונדערטער יונגע פּאַרטיי־חברים האָבן אַוועקגעגעבן זייערע בעסטע כוחות און געזונט די פּלמ״ח־פאָרמאַציעס און זיינען געפאַלן אין זיינע שלאַכטן. אָבער די פּאַרטיי האָט נישט געווידמעט, אָדער נישט געקענט כסדר ווידמען דעם פּלמ״ח דערציערישע כוחות מיט דעם נויטיקן מאָראַלישן און פּאָליטישן פּרעסטיזש, אין אַן אומפאַנג וואָס אַנטשפּרעכט איר אַלגעמיינער אחריות. די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער פאַרנאַכלעסיקונג זיינען זיך נוקם אין אונז און אין דער ירושה פון פּלמ״ח גלייכצייטיק ביזן היינטיקן טאָג.

דער לאָזונג פון דער יידישער מדינה תיכף ומיד

און ווידער, ווי אין איר פריערדיקע לעבנס־פּעריאָדן, אַזוי אויך און באַזונדערס אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט די פּאַרטיי דערפילט איר עיקר־שליחות דורך איר געדאַנקען־שוווּנג און איר איניציאַטיוו אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק. זי האָט פעסטגעשטעלט דעם ציל פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק אין אָנבליק פון די גורלדיקע טעג וואָס וועלן קומען צום סוף פון דער מלחמה, און זי האָט באַפליגלט די ציוניסטישע באַוועגונג מיט גלויבן און אַקטיוויזירט זי פאַר דער דערגרייכונג פון דעם דאָזיקן ציל.

אָט דער באַוואוסטזיין, אַז אין אַ גורל׳דיקער אַנטשיידונג־שעה האָט מפלגת פּועלי ארץ ישראל געוווסט אַרויסצוזאָגן דאָס אויסלייזערישע וואָרט, דעם שם המפורש, און אָנצוצינדן אין די הערצער פון פאָלק דעם פייער פון גלויבן אין אַ באַלדיקער גאולה, די תשוקה צו פאַרוואַנדלען די שטרעבונג אין אַ ווירקלעכקייט,

זיך נישט אָפּשטעלנדיק פאַר סכּנות און קרבנות וואָס וועלן זיך פאָדערן, — דאָס איז היינט דער טייערסטער מאָראַלישער קנין פון די מאַסן פּאַרטיי־חברים, דער יסוד פון זייער שטאָלצירן מיט איר און פון זייער גלויבן אין איר צוקונפט.

די זעלבע פּאַרטיי וועלכע האָט לאַנגע יאָרן באַהאַלטן די וויזיע פון דער ייִדישער מדינה טיף אין איר הארצן, וועלכע האָט זיך קאַטעגאָריש אַנטקעגן געשטעלט יעדן איבערגעאיילטן און שעד־לעכן פּרווו פון פּראָקלאַמירן די מדינה פאַר דער צייט, וואָס האָט אומדערמידלעך געאַרבעט כּדי צו לייגן די פונדאַמענטן פונם בנין אַ ציגל אויף אַ ציגל און די גאַנצע צייט געהאַלטן די פאָן צונויפ־געוויקלט אין אירע הענט, — אָט די פּאַרטיי האָט געוווסט פו־נאַנדערצוּוויקלען די פאָן ווען עס איז געקומען די צייט, זי אויפ־צוהויבן מיט דער גאַנצער קראַפט און אַריינצושפּרינגען מיט איר אין דעם אַנטשיידענעם קאַמף.

די פּאַרטיי זואָס האָט שטענדיק געאַרבעט פאַר אַן אומאויפהער־לעכער עליה אין אַלע באַדינגונגען און טראָץ אַלע שטערונגען, אין אַלע מעגלעכע מאַסשטאַבן און אויף אַלע וועגן; פאַר אַ כּסדר זיך פאַרברייטערנדיקער קאָלאָניזאַציע, וואָס שטרעבט צו דערגרייכן אַלע פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון לאַנד; פאַר דער מאָביליזירונג פון די פאָלקס־כּוחות דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און די נאַציאָנאַלע פאָנדן; פאַר דער אָנזאַמלונג פון אַ באַוואָפנטן כּוח אין לאַנד דורך אַ פּאַרטיידיקונגס־אָרגאַניזאַציע וואָס איז אונטער־וואָרפן אַ נאַציאָנאַלער לייטונג; די פּאַרטיי פון ממשות׳דיקע טאָטן, וועלכע פאַראַכטעט פּוסטע און וועלט־פרעמדע דעקלאַראַציעס וועגן אַן אַבסטראַקטן ענדציל; די פּאַרטיי פון דער דורכגעטראַכטער פּאָ־ליטישער אָנשטרענגונג, וועלכע באַמיט זיך צו באַפעסטיקן פּאָזי־ציעס און צו פאַרברייטערן דעם באַזיס פונם בנין — די דאָזיקע פּאַרטיי איז מיט איינמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַרטיי וואָס שטרעבט צו דערגרייכן דעם ענדציל תּיכף ומיד, אין דער פּאַרטיי פון דער ייִדישער מדינה.

סדרי־בראשית האָבן זיך געענדערט

איר אינסטינקט האָט איר געזאָגט אַז עס איז געקומען די אַנטשיידנדיקע שעה, אַז דאָס איז דער ווילן פונם פאָלק, אַז עס איז געקומען די צייט פאַר אַ גרויסן שפּרונג צום ציל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ווייל אין יענע טעג האָט זיך אַלץ אַרום אונז געענדערט. אַלע ריכטונגען פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן, אַלע וועגן פון דער געשיכטע זיינען צונויפגעלאָפן אין איין קנופּ און גוזר געווען אַ דרינגנדיקע אַנטשיידונג. דאָס ווייסבוך האָט אַוועקגעשטעלט די פראַגע פונם פּאָליטישן גורל פון לאַנד אויפן שפּיץ מעסער. ענגלאַנד האָט איר וואָרט געזאָגט. די אַראַבישע באַוועגונג האָט פּראָקלאַמירט אירע צילן. צי וועט דער ציוניזם איצט שווייגן? צי וועט ער זיך באַגנוגענען מיט בלויזע רעאַגירונגען פון צייט צו צייט? אָדער ער וועט זיך אויך אויפהויבן און אָפן פּראָקלאַמירן זיינע אידעאַלן? די וועלט־מלחמה האָט אַריינגעוואָרפן דעם גאַנצן ערד־קוגל אין אַ שמעלץ־טאָפּ. דאָס וואָס וועט איצט אויסגעפורעמט ווערן וועט זיך שוין נישט אַזוי לייכט לאָזן ענדערן. אויב דאָס פאָלק וועט איצט נישט פאָדערן דאָס וואָס קומט אים — ווען דען וועט ער עס קענען טאָן? אויף די חורבות פון נאַציזם און פאַשיזם וועט אויפשטיין אַ נייער פעלקער־צוזאַמענשטעל, אַ בונד פון מדינות וואָס וועט הערשן איבער דער וועלט. צי וועט ווידער דאָס יידישע פאָלק נישט פאַרנעמען קיין אָרט אין דער באַנייטער פעלקער־משפּחה? די אומאָפּהענגיקייטס־באַוועגונג האָט אַרומגענומען אַלע אַראַבישע לענדער. וועט זי דען פון זיך אַליין זיך אָפּשטעלן פאַר די גרעניצן פון ארץ־ישראל? וועט זי נישט פּרוון פאַרפלייצן און איינשלינגען אויך אונזער לאַנד? איז דען פאַראַנען אַן אַנדער אָפּהאַלט פאַר איר אַחוץ די יידישע זעלבסטשטענדיקייט? און איבער אַלץ, די קאַטאַסטראָפע פון אייראָפּעאישן יידנטום איז געווען דער לעצטער אַלאַרם־געשריי אין

די אויערן פון אַ וואָרצלאָזן און צעשפּרייטן פאָלק, וואָס זיין לעבן הענגט תמיד אויף אַ האָר. ווער דאָס מאָל דאָס פאָלק הערן די וואָרענונג? וואָס פאַר אַן אַנדער ענטפער קען געגעבן ווערן אויף דער דאָזיקער אימה פונם גורל, ווי קען אַנדערש פאַרגיטיקט ווערן פאַר די טייכן בלוט און די חורבן־פלאַמען, וועלכע אַנדערע גאַראַנטיע פון זיכערקייט אין דער צוקונפט קען געגעבן ווערן אַחוץ אַ יידישע מדינה אין יידישן לאַנד? און צולעצט, דער ישוב איז אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן אַ פאָלק אין די יאָרן פון דער גרויסער עליה און דער גרויסער פורעניות, זיין כוח איז אויסגעשמידט און אויסגעפּרוווט געוואָרן אין שטורעם פון די בלוטיקע אומרוען און פון דער וועלט־מלחמה. איז דען פאַר אים נישט געקומען די צייט איבערצושפּרינגען מיט איין ריזן־שפּרונג דעם מרחק וואָס טיילט אים אָפּ פון אַ סוווערענעם פאָלק, וואָס טיילט אָפּ אַ ישוב פון אַ זעלבשטענדיקער מדינה?

דאָס זיינען געווען די פראַגן און די פּראָטעסט־געשרייען וואָס האָבן זיך דעמאָלט אַרויסגעריסן פון די טיפענישן פון דער יידישער געשיכטע, פון דער נשמה פון אַ געפּייניקט און קעמפנדיק פאָלק. דאָס זיינען געווען די אויפרעגונגס־כוואַליעס וואָס האָבן דעמאָלט אויפגעבראַזט דאָס האַרץ און שנעלער געטריבן דעם פּולס. דאָס באַוווסטזיין פון גורל׳דיקער אחריות האָט נישט געלאָזט רוען און געשטויסן צו ענערגישע שריט, צו דרייסטע לייזונגען.

דעמאָלט האָט מען עס אָנגערופן „בילטמאָר־פּראָגראַם”

ווי בערל קאַצנעלסאָן האָט דערציילט, האָט ער אַליין אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון אַ יידישער מדינה ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן פון אָנהויב אָן פון דער מלחמה. אַלס דרינגענדיקע נויטווענדיקייט פון דער גרויסער שעה און אַלס פּראַקטישער ציל פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק אין די לעצטע שטופן פון דער וועלט־מלחמה, איז דער ענין פון דער יידישער מדינה אַרויפגעשוווּמען עפנטלעך צום ערשטן מאָל אויף אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין עמק־הירדן אין יאָר 1941. דער לאָזונג איז שוין געהערט געוואָרן פריער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אָבער איצט איז ער געוואָרן אַ לעבנס־תורה וואָס דעראָבערט די הערצער און שטורעמט אויף די געמיטער. די פּלאַטפאָרם פון דער פּאַרטיי צו דער הסתדרות־קאָנפערענץ פון יענעם יאָר, די דאָזיקע גרויסע צוואה פון בערל׳ן, וואָס אירע שווערוואָגיקע און גלענצנדיק פאָרמולירטע נוסחאות ליגן איינע אויף דער אַנדערער ווי פעסטע בלאָקן אויסגעהאַקטע פון אונזערע לעבנס־פעלזן, האָט בפירוש אַוועקגעשטעלט די יידישע זעלבסטשטענדיקייט אין לאַנד אַלס דרינגנדיקן ציל פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק. און אין דער צייט ווען בערל האָט גערופן צו דער דאָזיקער פאָן און האָט אַרום איר קאָנצענטרירט די פּאַרטיי אין לאַנד, האָט בן־גוריון, מיט דעם גאַנצן כוח פון זיין גלויבן און זיין אינספּיראַציע, פונאַנדערגעוויקלט די זעלבע פאָן צווישן די אַמעריקאַנער ציוניסטן — אויפן וויכטיקסטן אָפּשניט פון אונזער אויסן־פּאָליטיק־פראָנט הן כלפּי דעם יידישן פאָלק און הן כלפּי די פעלקער פון דער וועלט. אויף אַ צוזאַמענפאָר פון אַמעריקאַנער ציוניסטן אין מאַי 1942 איז די פאָדערונג פון אַ יידישער מדינה אָנגענומען געוואָרן אַלס אָפיציעלע ציוניסטישע פּראָגראַם. בן־גוריון האָט די דאָזיקע פּראָגראַם געבראַכט פאַרן ענגן ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין ירושלים און זי איז באַשטעטיקט געוואָרן אין נאָוועמ־

בער 1942, איז זי געוואָרן די פּאָליטישע פּראָגראַם פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. איר שטים האָט זיך געלאָזט הערן אין דער גאַנצער וועלט, זי האָט געקלונגען ווי אַ בשורה פון גאולה אין די אויערן פון דער שארית הפליטה וואָס האָט זיך געצאַפּלט אונטער די נעגל פון דער ווילדער חיה, און האָט אַלאַרמירט די כּוחות פון גאַנצן פאָלק זיך צו שטעלן אין קאַמף.

איפכא מסתברא

און אָט דווקא דאָ אין לאַנד, אינעווייניק אין דער חלוצישער מחנה, אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־משפּחה, האָט די דאָזיקע פּראָגראַם אַרויסגערופן אַ ביטערן און גיפטיקן ברודער־קריג. ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן איר דערקלערט אַ פאַנאַטישע מלחמה און האָבן זי אָנגעגריפן מיט ווילדן צאָרן און כּעס.

מען האָט געטענהט קעגן איר אין נאָמען פון די פאָלקס־הייליקייטן, אין נאָמען פון צדק און יושר, אין נאָמען פון שכל הישר.

מען האָט אויפגעהויבן אַ געוואַלט: חלוקה עליך, ישראל! מען האָט דערהויבן דעם פּרינציפּ פון דער גאַנצקייט פונם לאַנד צו דער מדרגה פון אַ רעליגיעזן חוק, וואָס טאָר בשום אופן נישט איבערגעשריטן ווערן: ייהרג ואל יעבור. גאַנצקייט פונם לאַנד פאַר יעדן פּרייז. אַלצאיינס וואָס פאַר אַ רעזשים, וואָס פאַר אַן עליה, וואָס פאַר אַ קאָלאָניזאַציע־אויסזיכטן, אַלץ איינס וואָס עס וועט זיין דער ממשות'דיקער גורל פונם גאַנצן ציוניסטישן ווערק.

מיר האָבן נישט געזאָגט: זעלבסטשטענדיקייט פאַר יעדן פּרייז, אַלצאיינס וואָס וועט זיין דער שטח פון דער מדינה. מיר זיינען געווען אַנטשלאָסן זיך צו ראַנגלען הן פאַר אונזער זעלבסטשטענדיקייט און הן פאַרן שטח פון אונזער מדינה. אָבער די קללה פון אָפּהענגיקייט האָט געברענט אין אונזער האַרצן און אונז נישט געלאָזט רוען. קעמפן פאַר זעלבסטשטענדיקייט, האָט געהייסן קעמפן

פאַר פרייער טעטיקייט, פאַר אַ מאַסן־עליה, פאַר אַ ברייטער קאָ־לאָניזאַציע, פאַר זיכערקייט וואָס שטיצט זיך אויף אַ יידישן כוח. אָט דערפאַר זיינען מיר געווען גרייט מקריב צו זיין אויך אַ שטח פונם לאַנד. אפילו די עקשנות'דיקסטע קעגנער פון חלוקה צווישן אונזערע חברים זינט 1937 זיינען געגאַנגען מיט אָפענע אויגן און אַנטשלאָסנקייט אַנטקעגן ד״ער דאָזיקער עווענטואַליטעט.

די ברירה איז דאַן נישט געווען — זעלבסטשטענדיקייט מיט חלוקה, אָדער זעלבסטשטענדיקייט אָן חלוקה. די פּראַקטישע ברירה איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע, אַ פאַרקערטע לחלוטין: חלוקה מיט זעלבסטשטענדיקייט אָדער חלוקה אָן זעלבסטשטענדיקייט. זינט 1940 האָבן מיר שוין פאַקטיש געלעבט אונטער אַ רעזשים פון חלוקה. דער באַדן־געזעץ פון ווייס־בוך האָט אונז אַריינגעלייגט אין אַ סדום־בעטל, מיטן פאַרשליסן פאַר אונזער פרייער קאָלאָ־ניזאַציע 95% פונם שטח פון לאַנד. און אַלע בריטישע פּלענער, וועלכע זיינען געקומען ווי נייע גילגולים פונם ווייס־בוך, זיינען געווען באַזירט אויפן פּרינציפּ פון חלוקה אָן פּאָליטישער זעלבסט־שטענדיקייט.

מען האָט אונז פאַרגעוואָרפן: דורך אַזאַ פאַנטאַסטישן פּלאַן רופט איר אַרויס געוואַלדיקע קעגנערשאַפט־כוחות און רייצט אויף מלחמה־ליידנשאַפטן וואָס מיר וועלן בשום אופן נישט קענען ביי־שטיין. אַנשטאָט צו הויבן דעם מוט פון פאָלק פאַרזייט איר אין זיין האַרצן פון פאַרויס דעם זוימען פון יאוש.

כלומרשט ווי אָן דער פאָדערונג פון אַ יידישער מדינה וואָלט אַרום אונז נישט געשטורעמט, ווי בלויז שלום ושלוה און בטחון וואָלטן געהערשט אַרום אונז, ווי איבער אונז וואָלט נישט געהאָנ־גען אַזאַ ביטערער גזר־דין, אַז מיר וואָלטן געצוווּנגען געווען זיך אים אַנטקעגנצושטעלן אפילו מיט די לעצטע כוחות פון אַ יאוש־מלחמה און ווער ווייסט אויב מיר וואָלטן אין אַזאַ פאַל געקענט אויסהאַלטן, נישט האָבנדיק קיין גרויסע האָפענונג פאַר אונזערע אויגן.

און נאָכאַמאָל, נישט דאָס איז דאָך געווען די פּראַקטישע ברירה — צווישן אַ לעזונג מיט פּורעניות'ן און אַ לעזונג אָן פּורעניות'ן. די ברירה איז דאָך געווען אַ פאַרקערטע: צווישן פּורעניות מיט אַ לעזונג און פּורעניות אָן אַ לעזונג.

און נאָך האָט מען געטענה'ט אין נאָמען פון גערעכטיקייט כלפּי דעם אַראַבישן פאָלק, וואָס זיצט מיט אונז אין לאַנד: מדינת ישראל באַדייט אונטעריאָכונג פון ישמעאל: ווי קענען מיר בויען אונזער זעלבסטשטענדיקייט אויף דער אונטעריאָכונג פון אַנדערע?

אָבער אויך דאָ איז די ברירה נישט געווען צווישן אויבערמאַכט און גלייכהייט, נאָר צווישן אַ מינדערהייטס-שטעלונג פאַרן יידישן פאָלק אויך אינם לאַנד פון זיין איינציקער האָפענונג, נאָכדעם ווי עס איז שוין ממילא נגזר געוואָרן אויף אים צו בלייבן אַ מינדערהייט אין אַלע לענדער פון דער וועלט, און אַ מינדערהייטס-לאַגע פאַר אַ קליינעם שפּליטער פון אַראַבישן פאָלק, נאָכדעם ווי זיין געוואַלדיקע מערהייט איז געוואָרן אַ בעל-הבית פאַר זיך אין זיינע איינגענע לענדער.

און די גרעסטע טענה, די שניידיקע איז געווען — דאָס וועט דאָך קיינמאָל נישט געשען! דאָס שטייט אין סתירה צו דער ווירקלעכקייט, דאָס איז קעגן דער נאַטור פון דער זאַך. ס'איז אַ ווענדונג פון 180 גראַד, אַזאַ זאַך איז נאָך נישט געהערט און נישט געזען געוואָרן, דאָס איז אַן אַוואַנטוריסטישע און אַן אומפּאַראַנטלעכע ספּעקולאַציע, אַ פּוסטע פאַנטאַזיע, דער מענטשלעכער שכל קען זי פּשוט נישט באַנעמען. וואָס פאַרא תשובה האָבן מיר געקענט געבן אויף דער דאָזיקער מענה? האָבן מיר דען זי געקאָנט אָפּוואַרפן מיט באַווייזן פון פאַקטן און לאָגיק? מיר זיינען אַלע געשטאַנען פאַרן שלייער וואָס האָט פאַרדעקט פאַר אונזערע אויגן די צוקונפט און מיר האָבן נישט געקענט באַווייזן קיין אותות ומופתים. אָבער די פּאַרטיי וואָס האָט זיך באַטראַכט אַלס די פירערין פונם דור, אַלס די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די קומענדיקע דורות, וואָלט געשטאַנען פאַרן גריכט פון דער געשיכטע און דער צוקונפט ווען זי וואָלט אין דעם אַנטשיידנדיקן טאָג זיך אָפּגעשראָקן פון

מאַכן דעם דרייסטן פּרווו, דעם ריזן־שפּרונג, און וואָלט פאַרזוימט אַן אויסדערוויילטע שעה וואָס קומט בלויז איינמאָל אין הונדערטער יאָרן. מיר זיינען נישט קיין אונטערנעמער אויף נצחונות, האָבן מיר געזאָגט, מיר זיינען אָבער מחויב צו מאַכן אַ פּרווו. אויב מיר וועלן פאַלן — וועלן מיר טראָגן אונזער גורל מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. לאָמיר אַריינוואַרפן אין קאַמף דעם גאַנצן רעשט פון אונזערע כוחות, לאָמיר קעמפן ביז צום לעצטן אָטעם אונזערן, דאָס גאַנצע פאָלק וועט זיין מיט אונז — און אפשר וועלן מיר נישט פאַלן.

די אחריות האָט געהייסן וואגן, דרייסט זיין. פריי־זיין פון אחריות — האָט דערלויבט לייקענען און אונטערגראָבן. ווייל די קעגנער האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט אַן אינערלעכער דיסקוסיע־קריגעריי, זיי זיינען טעטיק געווען אויך כלפי חוץ, כדי צו קאָמפּראָמיטירן דעם פּלאַן און אים צו־נישט מאַכן.

די געשעענישן האָבן באַוויזן ווער עס האָט פאָרויסגעזען די צוקונפט און וועמענס ווערטער עס האָט אַוועקגעטראָגן דער ווינט; ווער עס האָט דעם גאַנג פון די געשעענישן געפּרווט אונטערוואַרפן דעם ווילן פון פאָלק, און ווער עס האָט געוואָלט לכתחילה בטל מאַכן דעם ווילן פון פאָלק פאַרן ווילן פון אויסערלעכע פאַקטאָרן; ווער עס האָט געפירט דאָס פאָלק צום אויסגעבענקטן ציל און ווער עס האָט געפּרווט אים פאַרפירן אויף אומזיניקע דרכים אַנטקעגן אַ פולשטענדיקן צוזאַמענברוך, אַנטקעגן דעם אונטערגאַנג.

פון לאטרון ביז לייק־סוקסעס

אָבער ביז מיר האָבן געקענט באַווייזן די גערעכטיקייט פון אונ־זער וועג, מיטן כוח פון די פאַקטן וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן, האָבן מיר נאָך געמוזט דורכגיין אַ לאַנגן יסורים־וועג און אויס־געפרווט ווערן מיט נייע פורעניות׳ן. דער רעזשים פון ווייס־בוך האָט אונז פעסט געהאַלטן אין זיינע נעגל און נישט געוואָלט אָפּ־לאָזן. דער סוף פון דער וועלט־מלחמה האָט באַנייט דעם ביטערן ויכוח אַרום די קאַמפּס־מעטאָדן קעגן די דערשטיקונגס־גזירות. די פּאַרטיי האָט גובר געווען אינערלעכע חלוקי־דעות און ספקות און אָנגענומען האַרבע באַשלוסן. עס איז געפירט געוואָרן אַ שווע־רער קאַמף קעגן די מוטנע כוואַליעס פון די פורשים־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן באַפלעקט אונזער גערעכטיקייט און געקענט ברענגען אַן אומגליק אויף אונזער גאַנצן פראָנט. די בעסטע כוחות, די בעסטע פעאיקייטן זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער העפּלה, דער דאָ־זיקער מאַרש אויף קידוש השם פון דער שארית הפליטה און העל־דישער אויפטו פון די קעמפער פונם ישוב. עס איז אָנגעגאַנגען אַ שווערער ויכוח וועגן דעם צי זאָלן מיר אָדער זאָלן מיר נישט דערשיינען פאַר דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער קאָמיסיע — דער דאָ־זיקער פרווו פון בעווינען צו באַקומען די סאַנקציאָנירונג פונם פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרן רעזשים פון ווייס־בוך. געטריי איר שיטה נישט דורכצולאָזן קיין געלעגנהייט פון השת־פּעה אויפן גאַנג פון די געשעענישן, נישט צו פאַרנאַכלעסיקן קיין שום מעגלעכקייט צו געפינען אַן אויסוועג, נישט איבערצורייסן אויף קיין מינוט דעם ווידערשפעניקן געראַנגל, האָט די פּאַרטיי אַנטשידן פּאָזיטיוו און געבראַכט צו אַ פּאָזיטיווער אַנטשיידונג אויך אין דער יידישער אַגענץ. די אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע קאָמיסיע האָט אָפּגעוואָרפן די פּאָדערונג פון דער יידישער אַגענץ אויף אַ יידישע מדינה, אָבער האָט אויך אַנטוישט דעם בריטישן אויסערן־מיניסטעריום. אירע רעזולטאַטן האָבן זיך פאַרענדיקט מיט תיקו און דער געראַנגל האָט זיך ווייטער געפירט און שאַרפער געוואָרן.

עס זיינען אָנגעקומען די טעג פון לאַטרון. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פרווו צוצונעמען מיט געוואַלט פונם ישוב זיין פירערשאַפט, צו צעשמעטערן זיין אָרגאַניזאַציע, צעברעכן און דערנידעריקערן זיין גייסט. דער ישוב האָט זיך געהאַלטן פעסט.

די לאַסט פון אחריות פאַר דער ריכטונג פון איר פּאָליטיק איז געלעגן אויף דער פאַרטיי מיט איר גאַנצער משא. די מאַכט האָט אַביסל אָפּגעטראַטן און זיך געוואָרפן אויף נייע תחבולות. עס איז געמאַכט געוואָרן נאָך אַ פרווו, דער לעצטער, אויפצוקלערן די מעגלעכקייטן פון אַ פאַריינבאַרטער לעזונג מיטן בריטישן אויסערן־מיניסטעריום אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ פון 1947. ווידער איז געווען די פאַרטיי די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער באַטייליקונג אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ, נישט צוליב אויסזיכטן צו קומען צו אַ תכלית, נאָר כדי צו דערווייזן דער באַוועגונג און דער אויסערלעכער וועלט — אין אָנבליק פון די שווערע קאַמפן וועלכע האָבן אונז דערוואַרט אין דער צוקונפט — אַז עס איז נישט פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן קיין מעגלעכקייט און נישט פאַרזוימט געוואָרן קיין געלעגנהייט צו געפינען אַ פרידלעכערן אויסוועג פון דעם שרעקלעכן פּלאָנטער. פאַר דער לעצטער שלאַכט איז נויטיק געווען צו באַזייטיקן יעדן ספק אין איר אומפאַרמיידלעכקייט, אויסצוּוואָרצלען יעדן צווייפל טאָמער איז נאָך פאַראַן עפּעס אַ מעגלעכקייט פון קלענערן בייז. נאָכדעם ווי די קאָנפערענץ איז דורכגעפאַלן, האָט דאָס בריטישע אויסערן־מיניסטעריום, מיט דער צושטימונג פון קאַבינעט, באַשלאָסן צו ברענגען דעם ענין פאַרן פּלענום פון אָנו. ענגלאַנד איז געגאַנגען אין אָנו נישט כדי אַרויסצולאָזן פון האַנט די ממשלה אין לאַנד. איר כוונה איז געווען אַריינצופירן די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער גופא אין אַ צעטומלטקייט לגבי דעם ארץ־ישראל־פּראָבלעם, כדי זי זאָל מוזן בלית ברירה באַשטעטיקן, בפירוש צי נישט בפירוש, די בריטישע פּאָליטיק. אַזאַ באַשטעטיקונג, אָדער ווייניקסטנס קיין באַשטעטיקונג פון אַ וועלכער נישט אַנדערער אינטערנאַציאָנאַלער אַנטשיידונג, וואָלט פונאַנדערגעבונדן די הענט דער בריטישער ממשלה אָנצו־

הויבן אַן אַקציע פון רעפּרעסיעס, אונטערדריקונג און ווירטשאַפטלעכע גזירות קעגן ישוב, וואָס נישט באַזיצנדיק די סימפּאַטיע פון די פֿאַרייניקטע שטאַטן און די שטיצע פון דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט, וואָלט ער בשום אופן נישט געקענט זיך אַנטקעגנשטעלן און וואָלט געצוווּנגען געווען זיך אונטערצוגעבן. דער דאָזיקער כיטרער פּלאַן איז דורכגעפאַלן. ווען דער ענין איז אַרויפגעטראָגן געוואָרן אויף דער ברייטער אינטערנאַציאָנאַלער בינע, איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט און באַקומען אַ הויכן און קלינגנדיקן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּקלאַנג די תביעה אויף יידישער זעלבסטשטענדיקייט. אַ יאָר צייט נאָך דער באַפרייאונג פונם אַרעסט־לאַטרון איז געקומען די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָקלאַמירונג פון די רעכט פון יידישן פאָלק אויף אַ סוווערער מדינה אין זיין לאַנד.

די זיבן נסים

די געשעענישן וועלכע האָבן פּאַסירט נאָכדעם און די אַנטשיידנדיקע אויפגאַבע וואָס עס האָבן אין זיי דערפילט די פּאַרטיי און אירע אָנפירנדיקע חברים — די היסטאָרישע ראָל וואָס עס האָט געשפּילט אין דער אויפריכטונג פון דער מדינה דער העכסטער פירער פון אונזערע פּאָליטישע און מיליטערישע שלאַכטן, דוד בן־גוריון — זיינען נאָך צאַפּלדיק לעבעדיקע און גוט באַקאַנט אַלעמען. באַרוישט און צעטומלט, ווי חלומ'דיק אויף דער וואר, מיט אַ פרייִדיק און ציטערדיק האַרץ, איז דאָס גאַנצע פאָלק געשטאַנען פאַר דער איבערקערעניש פון זיין גורל, וועלכע איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער, פאַרן נס פון דער עוואַקואַציע פון דער בריטישער מאַכט, דעם נס פון דער מדינה־אויפריכטונג, דעם נס פון נצחון פון צבא הגנה לישראל, דעם נס פון באַפרייען ברייטע שטחים פון לאַנד, דעם נס פון ישראל'ס אַריינטריט אין אָנו, דעם נס פון קיבוץ גלויות.

מיטן פרישן בלוט איז נאָך איינגעקריצט אין אונזער האַרצן די גוואַלדיקע עפּאָפּיע פון דער באַפרייאונגס־מלחמה. די פאַרווירקלעכונג פון דער משיח'ישער וויזיע פון אַ מאַסן־עליה און ליקווידאַציע פון גלות'ן געפינט זיך נאָך אין פולן גאַנג.

עס איז איבעריק פאַרצוזעצן די געשיכטע פון די 20 יאָר ביז צום דאַטום פון היינטיקן טאָג. אונזער נאָענטע פאַרגאַנגנהייט איז אַ טייל פון אונזער קעגנוואַרט. די פּראָבלעמען פון דער קעגנוואַרט זיינען דער אינהאַלט פון אונזער צוקונפט. דער צענטראַלער אָביעקט פון דער קאָנפערענץ זיינען די ראַנגלענישן פון דער מדינה מיט די גוואַלדיקע ווירטשאַפטלעכע, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּראָבלעמען פון איר וווקס, בוי און פאַרטיידיקונג, און די צופּאַסונג פון אונזער טאָג־טעגלעכן לעבן צו דער משיח'ישער שליחות פון דור.

דער נצחון פונם ווערק און קריזיס פון דער באַוועגונג

די 20־יאָריקע פּרשה איז נאָך אָבער נישט פאַרענדיקט. עס איז נאָך געבליבן איין חשבון. די שיף פון אונזער פאָלק איז געבראַכט געוואָרן צו איר ציל, מעג עס זיין אפילו בלויז אַן ערשטער שוץ־פּאָרט, פון וועלכן דער וועג צו אַ זיכערן פּאָרט איז נאָך ווייט און שטורמיש. אָבער אין איין און דער זעלבער צייט מיט דעם דאָזיקן נצחון פונם ווערק איז געקומען צו אַ קריזיס אין לעבן פון אונזער באַוועגונג. מיר האָבן שוין איבערוווּנדן דעם דאָזיקן קריזיס און זיי־נען שוין אין אַ גרויסער מאָס אויסגעהיילט געוואָרן פון זיינע פאָלגן. מיר מוזן אָבער זיך גוט פאַרטראַכטן וועגן אים. מיר זיינען דעם דאָזיקן חשבון שולדיק זיך און אַנדערע.

צוויי וועלטן און אַ פֿראָנט אינמיטן

עס איז געווען אַ צייט ווען מיר האָבן נאַיוו געגלויבט, אַז אין לעבן פֿון אונזער באַוועגונג הערשט אויסשליסלעך דער פּראָצעס פֿון אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿאַראייניקונג און אינערלעכער צוזאַמענשמעלצונג; אַז בלויז די ירושה פֿונם גלות — אונטערשידן פֿון אָפּשטאַם, דערציאונג און סביבה אין וועלכער מיר זיינען אויסגעוואַקסן — שיידט אונז פֿונאַנדער, אָבער אַז די נייע ווירקלעכקייט, וואָס ווערט געשאַפֿן אין לאַנד מיט אונזער איניציאַטיוו און מיט אונזערע אייגענע הענט, פֿאַרווישט די דאָזיקע קעגנזאַצן, און סוף־כל־סוף וועט זיך די גאַנצע אַרבעטערשאַפֿט צוזאַמענגיסן אין איין איינהייטלעכער מחנה. און אָט איז געקומען די זעלבע ווירקלעכקייט, אויף וועלכער מיר האָבן זיך געשטיצט, און אַ פּאַטש געטאָן אין פּנים דעם דאָזיקן נאַיוון גלויבן. ווייזט אויס, אַז אין אונזער לעבן ווירקן צוויי קעגנזעצלעכע פּראָצעסן: צוזאַמענשמעלצונג און פֿונאַנדערפֿאַל, פֿאַראייניקונג און צעשיידונג.

דער פֿאַקט פֿון דעם עקשנות׳דיקן אָפּזונדערן זיך פֿון „השומר הצעיר” האָט פֿון אָנהייב אָן געהאַט אַ באַזונדערע משמעות.

די גאַנצע ריי פֿון אונזערע ווירטשאַפֿטלעכע דערגרייכונגען, די גאַנצע קייט בשותפות׳דיקע צרות האָבן נישט געקענט גובר זיין זיין קאַסטע־יחוס, זיין יצר צו שטיין פֿון דערווייטנס, און האָבן אים נישט געשטויסן זיך צו פֿאַראייניקן מיט דער מערהייט פֿון דער מחנה. מיט דער צייט האָט זיך אויך אינם בנין פֿון אונזער פּאַרטיי אַנטפּלעקט אַ שפּאַלט, וואָס האָט זיך פֿאַרברייטערט און געוואָרן אַ ריס, און ריס איז געוואָרן אַ ברוך, ביז עס האָט זיך אָפּגעריסן פֿונם בנין אַ גאַנצער פֿליגל. קרייזן אין דער פּאַרטיי, וואָס תּחילת איז צווישן זיי נישט געווען קיין שום אינערלעכער, אידעאָלאָגישער אָדער געזעלשאַפֿטלעכער בונד, און דאָס איינציקע וואָס איז זיי געווען געמיינזאַם איז געווען זייער אָפּזאָג זיך צו אונטערוואַרפֿן דער פּאַרטיי, ווען אירע באַשלוסן זיינען נישט געווען אין הסכם

מיט זייער מיינונג — די דאָזיקע קרייזן האָבן זיך געגעבן די הענט און צום סוף זיך אָפּגעטיילט פונם גוף פון דער פּאַרטיי און גע־שאַפן אַן אייגענע קערפּערשאַפט. לאָמיר זיך נישט פאַרנעמען מיט צווייפלהאַפטיקער פאָרשונג פון סאָציאַלער ביאָלאָגיע וועגן די מקור־רות און די פּראָצעסן פון דער דאָזיקער טרויעריקער דערשיינונג, ווען מיר האָבן פאַר אונז — אַלס אירע פאָלגן — אויסגעשפּראָ־כענע פּאָליטישע פאַקטן.

די פּראַקציע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאַלטן פון אונז מיט 6־7 יאָר צוריק, האָט זיך פאַראייניקט מיטן השומר הצעיר און מיט אַ פּראַק־ציע וואָס האָט פאַרלאָזן די באַוועגונג אַ סך יאָרן פריער. די דאָ־זיקע דריי שטרעמונגען האָבן געשאַפן אַ פאַראייניקטע פּאַרטיי. אויפן ערשטן קוק זעט עס אויס אַזוי ווי מיר וואָלטן דאָ געשטאַנען פאַר אַ פּאַראַלעלן פּראָצעס פון פאַראייניקונג, דאָס איז אָבער נישט ריכטיק. די שאַפונג פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי האָט נישט באַזייטיקט, נאָר פאַרשאַרפט דעם קריזיס אין דער אַרבעטער־באַוועג־גונג. די גאַנצע באַוועגונג האָט זיך צעטיילט אין צוויי לאַגערן. צוויי קעגנערישע אַרבעטער־פּאַרטייען שטייען איינע קעגן דער אַנדערער און דער ריס צווישן זיי ווערט אַלס ברייטער. אַלע פּרווון פונדאַסניי אויפצולעבן דעם פּראָצעס פון פאַראייניקונג אָדער ווייניקסטנס צו שאַפן פּאָליטיש אַ בריק צווישן ביידע באַזונדערע מחנות, האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. די פּערספּעקטיוו, פאַר וועלכער עס שטייט די אַרבעטער־באַוועגונג היינט־צו־טאָג, איז נישט פון אַ פּשרה, נאָר פון אַ ראַדיקאַלער ברירה. און די לאַגע היינט איז בשום אופן נישט ענלעך צו דער לאַגע דאַן, ווען „אחדות העבודה" און „הפּועל הצעיר" זיינען געשטאַנען איינע קעגן דער אַנדערער, אויך זיי ווי צוויי קעגנערישע מחנות. די דאָזיקע ביידע פּאַרטייען האָבן, טראָץ אַלע קעגנזאַצן און קריגערייען וואָס האָבן געהערשט צווישן זיי, געלעבט אין איין גייסטיקן קלימאַט. זיי האָבן געצויגן זייער געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע יניקה פון די וואָרצלען פון די זעלבע עלעמענטאַרע באַגריפן פון מענטשלעכן לעבן, פאָלק און וועלט. ביידע קעגנערישע פּאַרטייען היינט לעבן זיך אריין וואָס וויי־

טער אַלץ מער אין צוויי באַזונדערע וועלטן, וואָס זייער גייסטיקע און פּאָליטישע געמיינזאַמקייט פאַרשווינדט אַלץ מער און מער.

ווייל אינצווישן האָט יוזאָס פּאַסירט אין דער וועלט און דער עקזיסטירנדיקער פּירוד איז נישט צו פאַרגלייכן מיט די קעגנזאַצן פון דער פאַרגאַנגנהייט. זאָל דאָ דערלויבט זיין צו דערמאָנען פאַרגעסענע זאַכן. נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער גרינדונג פון „אחדות העבודה", איז אין ווין צונויפגערופן געוואָרן די וועלט־קאָנפערענץ פון „פּועלי ציון"־פאַרבאַנד. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט זיך דער פאַרבאַנד געשפּאַלטן. די חברים, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אָנגערופן „פּועלי־ציון שמאל", האָבן אים פאַרלאָזט. און ווען בערל קאַצנעלסאָן איז צוריקגעקומען פון דער קאָנפערענץ און האָט אונז אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון וועגן דער שפּאַלטונג און אירע סיבות, האָט ער געזאָגט: „ווען מיר זיינען געקומען צום קריטישן פּונקט איז קלאָר געוואָרן, אַז מיר קענען נישט איבערצייגן די חברים אין קיין זאַך נישט און אַז אַלע אונזערע אָנשטרענגונגען וועלן זיין אומזיסט, ווייל צווישן אונז און זיי ליגט אַ פּראַנט — דער פּראַנט וואָס טיילט אָפּ טראָצקי'ס אַרמיי, וואָס גייט אויף וואַרשע, פון דער אָפּטרעטנדיקער פּוילישער אַרמיי". עס איז פאַראַן זייער אַן ערנסטער גרונט צו גלויבן, און עס איז גלייכער דאָס נישט צו פאַרשווייגן, אַז אויך היינט איז די לאַגע אַזאַ. און זאָל קיינער נישט פּרווון זיך פאַרופן אויפן סכסוך אין קאָרייע. דער ענין האָט פריערדיקע און טיפערע וואָרצלען, הגם ער איז פאַרבונדן אויך מיטן סכסוך אין קאָרייע.

אַ פונדאַמענטאַלער פאַקט, וואָס מיר טאָרן נישט פאַרטושן, איז דאָס, וואָס אויף וויפל אונזערע אינערלעכע קעגנזאַצן האָבן געצויגן זייער יניקה פון אונזער אייגענעם לעבן, האָבן זיי שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו שפּילן די אַנטשיידנדיקע ראָל אין דער מחלוקת. זיי זיינען פאַרשלונגען געוואָרן דורך אַ גרויסן וועלט־סכסוך. דער פּירוד צווישן ביידע לאַגערן אין לאַנד ציט היינט זיין יניקה פון אינספּיראַציעס וואָס גייען ווייט אַריבער די ראַם פון אונזער לעבן. דער פאַקט גופא וואָס מיר זיינען געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיק

פאָלק, און וואָס אונזער מדינה האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אינם סיס־טעם פון די אינטערנאַציאָנאַלע כוחות, האָט ברייט געעפנט אונ־זערע טויערן פאַר אַזעלכע וועלט־איינפלוסן און האָט אין דער היינ־זיכט אויסגעגליכן אונזער גורל מיטן גורל פון אַנדערע פעלקער.

און פון נאָך אַן אַנדערן פונדאַמענטאַלן שטאַנדפונקט איז די לאַגע היינט אַנדערש פון דער לאַגע אַמאָל. דעמאָלט, אין די טעג פון קאַמף צווישן „אחדות העבודה" און „הפועל הצעיר", האָבן ביידע פאַרטייען צוגלייך געדינט אַלס פאַליוסן פון ציוניסטישער אחריות און אַלס צענטערן פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אוןווירטשאַפט־לעכער אַרבעטער־איניציאַטיוו אין לאַנד־מאַסשטאַב. היינט איז פאַ־ראַן אינם אַרבעטער־ציבור בלויז איין צענטער פון אַלגעמיינער אחריות פאַרן גורל פון דער מדינה און פאַר געזעלשאַפטלעכער אי־ניציאַטיוו ביי דער לייזונג פון אירע פּראָבלעמען. היינט זיינען מיר נישט קיין עליפסע נאָר אַ קרייז. די וועלכע האָבן געקענט בילדן דעם צווייטן צענטער, האָבן זיך פאַקטיש אויסגעשלאָסן פון דעם קרייז און זיינען אַריינגעטאָן אין גאָר אַנדערע ענינים.

דער ביישטייער פון „השומר הצעיר"

דער „השומר הצעיר" האָט פון זיינע ערשטע שפּראָצן אָן און במשך אַלע יאָרן פון זיין וואַקסן און שאַפן, זיך קיינמאָל נישט באַטראַכט פאַרפליכטעט צו טראָגן דעם יאָך פון דער גאַנצער באַוועגונג, אַלס אָנפירנדיקער און לייטנדיקער כוח. ער האָט אמת, אָנגענומען שטעלונגען צו די אַקטועלע פראַגן. ער האָט פאָרמולירט פּלאַטפאָרמעס פאַר געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַנטשיידונגען. אָבער זיי זיינען געווען באַשטימט נישט אַזוי צו באַאיינפלוסן די ענינים בשעתם, ווי צו דינען אַלס צידה לדרך פאַרן „השומר הצעיר" אויף זיין וועג צו דער צוקונפט, ביז עס וועט קומען דער טאָג ווען ער וועט גערופן ווערן צו אָנפירונג. דאַן וועט ער דערשיינען אויף דער בינע ווי אַ מיוחס'דיקע קאַסטע, וואָס איז געקומען ראַטעווען די גאַנצע מחנה מיט אירע אורים ותומים, נאָכדעם ווי זי האָט געוווסט אָפּצוהיטן איר אידעאָלאָגישע ריינקייט און זיך נישט אויסגעמישט מיט אַנדערע אין די יאָרן פון דערוואַרטונג און צוגרייטונג.

אין וואָס־זשע איז באַשטאַנען דער ביישטייער פון „השומר הצעיר" אַלס באַוועגונג, אַלס פאַרטיי, צום שעפערישן פּאָליטישן געדאַנק פונם דור אין אַזאַ שטורמישער און באַוועגטער תקופה. וואָס איז געוואָרן פון זיין בי־נאַציאָנאַלער תורה, אין וועלכער ער האָט אַריינגעלייגט אַזעלכע געוואַלדיקע אינטעלעקטועלע אָנשטרענגונגען? מיט וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט דער באַרימטער פּלאַן צו לייזן דאָס פּראָבלעם פונם רעזשים אין לאַנד, אַ פּלאַן מיט וועלכן דער „השומר הצעיר" האָט זיך אַזוי לאַנג באַשעפטיקט און באַשעפטיקט אַנדערע און וואָס איז, אגב, באַזירט אויפן פּרינציפּ פון חלוקה און זעלבסטשטענדיקייט? אָדער וואָס פאַראַ ממשות'דיקן ווערט האָבן געהאַט זיינע פאַרטיזאַנישע עקסקורסיעס אין די פעלדער פון דער אַראַבישער פּאָליטיק? „ברית פועלי ארץ ישראל" (דער פאַרבאַנד פון אַראַבישע אַרבעטער אין א"י) האָט דורכגעהאַלטן אַלע צעטרייסלונגען וואָס דאָס לאַנד האָט דורכגעמאַכט, און

דאַקעגן, וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון די אָרגאַניזאַציאָנעלע קעמערלעך פֿון „השומר הצעיר” צווישן דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג? אָדער ווי האָט געווירקט און וואָס פֿאַר אַ רעזולטאַטן האָט געבראַכט דער אָריגינעלער געדאַנק פֿון „השומר הצעיר” וועגן דער מאָביליזאַציע־פּאָליטיק אין דער לעצטער וועלט־מלחמה — זיך מאָביליזירן כדי צו דינען בלויז אין לאַנד גופא און קעמפֿן בלויז פֿאַר איר פֿאַרטיידיקונג, דאָס הייסט פּאַקטיש דערקלערן נייטראַליטעט אין דער מלחמה קעגן היטלערן, אַחוץ אויב דער אומגליק וועט דערגרייכן דאָס לאַנד ממש, און אויך דאַן בשום אופֿן נישט קעמפֿן פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון אירע גרעניצן פֿון אויסנווייניק, נאָר בלויז אין איר אינעווייניק? און וויאַזוי וואָלט דער „השומר הצעיר” זיך אַרויסבאַקומען מיט די אייגענע כוחות פֿון דעם פּלאָנטער, אין וועלכן ער האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט דורך זיין פּאָליטישן קאַמף קעגן בריטישן אימפּעריאַליזם, פֿון איין זייט, און זיין פֿאַרטיידיקונג פֿון דעם מאַנדאַט־רעזשים צוזאַמען מיט זיין קעגנערשאַפֿט צום געראַנגל, פֿון דער אַנדערער זייט, — ווען מען וואָלט אים געלאָזט פֿירן די ענינים? די פֿאַרביסענע שנאה פֿון „השומר הצעיר” צום לאָזונג פֿון דער יידישער מדינה, זיינע אָנגריפֿן קעגן דער דאָזיקער הייליקער שטרעבונג פֿון פֿאָלק אין דער פּרעסע און פֿון געזעלשאַפֿטלעכע טריבונעס, זיינען פּרוּוון זי צו דערשיטערן — זיינען דאָך היינט אומגלויבלעכע זאַכן.

אַלס חברים פֿון דער הסתדרות, אַלס מיטגלידער פֿון ישוב, אַלס אָרגאַניזירטע ציוניסטן, האָבן די מיטגלידער פֿון „השומר הצעיר” דערפֿילט זייערע פּערזענלעכע פֿליכטן. נאָכמער, זיי האָבן עס געטאָן לויט די אָנווייזונגען פֿון זייער פּאַרטיי. אָבער די פֿראַגע איז נישט וואָס עס האָבן געטאָן איינצלנע, אפֿילו אויב זיי מאַכן אויס צוזאַמען אַ גאַנצן ציבור. די פֿראַגע איז וואָס פֿאַר אַ וועגן האָט פֿאַר זיך אויסגעוויילט און פֿאָרגעשלאָגן דער גאַנצער באַוועגונג די פּאַרטיי פֿון „השומר הצעיר” אַלס פּאָליטישע קערפּערשאַפֿט, און וואָס וואָלט מיט אונז געשען, ווען איר שטעלונג וואָלט אָנגענומען געוואָרן.

בלויז דערמיט וואָס אויפן „השומר הצעיר" איז נישט געלעגן די לאַסט פון אחריות פאַרן גורל פון גאַנצן ווערק — פון דער ממשות'דיקער, דירעקטער, אַנטשיידנדיקער אחריות — איז צו דערקלערן דעם פאַקט, וואָס ער האָט זיך געקענט דערלויבן אַרומצובלאָנדזשען אין עולם הדמיון און צו פּרעדיקן פּוסטע פאַרפירנדיקע טעאָריעס.

סיעה ב' — פון וואַנען און וווהין

די חברים פון סיעה ב' אין מפלגת פּועלי ארץ ישראל האָבן זיך דערצויגן אויף אַ גאַנץ אַנדערער תורה, אַ תורה אין וועמענס פאַרפאַסונג זיי האָבן אַליין גענומען אַ גרויסן אָנטייל. זיי האָבן געלערנט אַ לאַנגן און שווערן קאַפּיטל, אָבער אַ געבענטשטן און אַ פרוכטבאַרן, אין דער לערע פון אחריות. זיי האָבן געוווּסט אַז אַנטשיידונג באַדייט פאַרווירקלעכונג און יעדער באַשלוס ווערט אויסגעפּרוווט דורך זיין אויספירונג. ווען זיי האָבן זיך אָבער אָפּגעשפּאָלטן פון דער פּאַרטיי, האָבן זיי זיך אויסגעשלאָסן פונם קרייז פון דער פאַראַנטוואָרטלעכער איניציאַטיוו און פון דעמאָלט אָן איז דער קוואַל פון זייער אינספּיראַציע אַלץ מער אויסגעטריקנט געוואָרן. אדרבא, זעט וואָס איז פון דעמאָלט אָן געווען זייער ביישטייער צו דער פּאָליטיק פון דער באַוועגונג! וועלכער שעפערישער געדאַנק איז געבוירן געוואָרן אין חדר פון סיעה ב'? — אַ געדאַנק וואָס זאָל שאַפן עפּעס נייעס און פרוכטבאַרעס, ענדערן די ווירקלעכקייט, דעראָבערן די צוקונפט?

איידער זיי זיינען אַוועק פון אונז האָבן מיר אַסך זאַכן אויפגעטון צוזאַמען. די מאָביליזאַציע־פּאָליטיק האָבן מיר באַשטימט צוזאַמען און זייערע חברים זיינען געווען צווישן די ערשטע פרייוויליקע, דעם פּלמ"ח האָבן מיר געגרינדעט צוזאַמען, אויפן פראָנט פון דער העפּלה האָבן מיר געאַרבעט צוזאַמען. אויך אין דער תקופה ווען עס האָבן זיך שוין אַרויסגעוויזן די סימנים פון שפּאַלטונג,

האָבן מיר נאָך געאַרבעט צוזאַמען אויף די אַלע געביטן. אָבער ווען זייער פּראַקטיע האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט און באַזונדערס פון ווען זי האָט זיך אָפּגעשפּאַלטן — איז איבערגעריסן געוואָרן זייער פאַרבינדונג מיט די שפּעטערישע מקורות. זיי האָבן געפּלעגט דעם פּלמ״ח וואָס האָט שוין עקזיסטירט, זיי האָבן אָבער נישט גענומען קיין געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן אָנטייל אין דער שאַפונג פון דער בריגאַדע. פאַרקערט, די ליניע פון זייער טעטיקייט איז געשטאַנען אין קעגנזאַץ צום געדאַנק פון דער בריגאַדע, און אַלס געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפט זיינען זיי געווען קעגן דער בריגאַדע. ווען עס האָבן זיך פאַרענדיקט די קריגס־אָפּעראַציעס, האָבן זיי אויפגעפאָדערט די בריגאַדע זיך פונאַנדערלאָזן און זיך אומקערן אַהיים, און דאָס אין אַ צייט ווען איר גלענצנדיקע שליחות ביים אויפזאַמלען די צעזייטע שארית הפּליטה און סטימולירן איר ווילן און איר גרייטקייט צו העפלה — האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען. זיי זיינען געווען חסידים פון אַקטיוון געראַנגל — אָבער בשום אופן נישט מער ווי זיי זיינען געווען קנאים פון קאַמף קעגן דער פּאַרטיי. ווו איז זייער קלאָרער פּאָזיטיווער ביישטייער צו דער ציוניסטישער פּאָליטיק? אפשר אין דעם גלענצנדיקן איינפאַל פון אַ טריאָ־מאַנדאַט אָנשטאָט זעלבסטשטענדיקייט? אָדער אין דער בלינדער קעגנערשאַפט צו יעטוועדער חלוקה, אפילו אויפן חשבון פון דער עליה? אָדער אין זייער פאַרגליווערטער קאָנסערוואַטיווער שטעלונג בנוגע דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון פּלמ״ח, זיך אַבסאָלוט נישט רעכנענדיק מיט די באַדערפענישן פון דער אַרמיי אין צוזאַמענהאַנג מיט איר וווקס און אויפבוי? מיר שטייען דאָ פאַר אַ טרויעריקער און דערשלאָגנדיקער דערשיינונג פון אַ שכינה וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן, פון מענטשן וואָס האָבן דעזערטירט פון אַ פראָנט פון איניציאַטיוו און שאַפן און זיינען איבערגעגאַנגען פון אַ פּרוכטבאַרן לעבן צו פּרוכטלאָזיקייט. עס איז אַ ביטערע באַליידיקונג צו זען די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן און האָבן אַנדערע דערצויגן אויף אַ לעבנס־תורה און אויף אָנשטרענגונגען זעלבסטשטענדיק צו דענקען — ווי זיי ווערן גייס־

טיקע יורדים, ווי זיי פאַרשטאָפּן די קוואַלן פון זייער דענקען מיט אַ געשמאַקלאָזער און איבערפלעכלעכער פּראַזעאָלאָגיע, וועלכע זיי חזר'ן איין אויך זייערע יונגע חברים.

און וואָס פאַר אַ חלק האָט מפ"ם, אַלס איניציאַטאָרישער און חלוצישער כוח, וואָס טרעט אויס נייע וועגן און איז מחדש ווערטן, אין די קאַמפן פון די היינטיקע טעג? ווו איז איר זאָרג און איר ציטער פאַרן גורל פון קיבוץ גלויות? איז דען פון איר אַרויס די איניציאַטיוו צו באַזעצן די פאַרלאָזענע דערפער? וואָס פאַר אַן אָנטייל האָט זי אַלס פאַרטיי, אין דער רעוואָלוציאָנערער פאַרברייטערונג פון דער קאָלאָניזאַציע? צי שטאַמט דען פון איר דער געדאַנק פון „מעברות" (צייטווייליקע זידלונגען)? ווען איז זי אַרויסגעגאַנגען זוכן נייע וועגן כדי צו מאָביליזירן די פאָלקס־כוחות פאַר די איצטיקע געוואַלטיקע מאַסשטאַבן פון אויפבוי? ווען האָט זי גערופן אירע חברים, די יוגנט וואָס דערציט זיך אין אירע ראַמען, צו חלוצישער פּריוווּיליקייט אין הסכם מיט די נויטן פון דער צייט?

די חברים פון מפ"ם טראָגן טאָג־טעגלעך דעם שווערן יאָך פון חלוצישע אויפגאַבן און נויטיקן זיך נישט אין אַ צייגעניש דערויף פון וועמען נישט איז. אָבער אין וואָס איז אַריינגעטאָן זייער פאַרטיי? מיט וואָס פאַרנעמען זיך זייערע מנהיגים? מיט איינאָרדענען צערעמאָניעס אין פרעמדע געדענק־טעג? מיט מונדלעכע אָפּרופן אויף וועלט־געשעענישן? מיט קלייבן אונטערשריפטן פון מאַסן וועלכע ווייסן נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך?

איינציקייט פון מפא״י

איינע אַליין איז געבליבן מפלגת פּועלי ארץ ישראל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער וואַך פון דער מדינה און איר שליחות, איינע אַליין אין דער ספערע פון אחריות און איניציאַטיוו, אָבער בשום אופן נישט איינזאַם, ווייל דאָס פאָלק אין זיינע מאַסן איז מיט איר. דאָס באַוווסטזיין פון דער דאָזיקער איינציקייט אירער, פון איר נויטיקייט פאַרן כלל אַרבעטער, פאַרן כלל עולים, פון איר אַנטשיידנדיקער באַדייטונג פאַר דער צוקונפט פון דער גאַנצער מדינה, פון דער אָפּוועזנהייט פון אַ כוח וואָס קען פאַרנעמען איר אָרט — דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין האָט איר געגעבן די מאָראַלישע קראַפט גובר צו זיין דעם קריזיס וואָס איז אויסגעבראָכן אין און אַרום איר און צוצוטרעטן מיטן גאַנצן אימפּעט צו אַ נייער אַקטיוויטעט אין דער ברייטער און פעסטער ראַם פון דער מדינה. מאַסן חברים אומפּאַרטייאישע זיינען צוגעשטאַנען צו איר. צענדליקער טויזנטער נייע עולים האָבן געשטראָמט און שטראָמען צו איר פאָן. זי איז אַ כוח און איר כוח וואַקסט.

די פּאַרטיי האָט תמיד באַדויערט די אָפּוועזנהייט אין אירע רייען פון אַלע די וואָס זיינען געווען און נישט פאַרבליבן אין זי, ווי אויך פון די וואָס זיינען געווען און געבליבן דרויסן. זייער אַוועקגיין איז אַ געוואַלדיקער שאָדן פאַר דער מדינה און פאַר דער באַוועגונג. זי האָט זיי גערופן און ווידער גערופן זיך אומצוקערן און זיך אָנצושליסן, און אויב זיי ווילן עס נאָר, זיך איינגאַנצן צו פאַראייניקן; אויב נישט — ווייניקסטנס אויסשטרעקן אַ האַנט פאַר שותפות'דיקער אַרבעט. אָבער זי האָט נישט געוואַרט און וועט נישט וואַרטן ביז זיי וועלן זיך אָפּרופן. זי גייט און וועט גיין איר וועג פאָראויס. זי איז בכוח צו טראָגן אַליין די שווערע לאַסט. זי איז זיכער מיט דער שטיצע און מיט דעם צוטרוי פון די גרויסע מאַסן, ווייל זי געהערט צו זיי און פון זייערטוועגן עקזיסטירט זי.

זי האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעוויילט אַ לייכטן וועג. זי גלייכט

נישט אויס אויבנאויפיק אומגליייכהייטן און פאַרקלעפּט נישט, מיט אַ כלומרשטן טינק פון געשליפענע פאָרמולעס, קעגנזאַצן און פּלאַנטערס. זי נעמט דאָס יידישע לעבן און דאָס לעבן פון דער וועלט אַזוי ווי זיי זיינען, מיט זייער גאַנצן קאָמפּליצירטן און פאַר־פּלאָנטערטן כאַראַקטער. זי האַלט נישט פון דער תורה פון שוואַרץ און ווייס לשם גייסטיקער און שכל'דיקער באַקוועמלעכקייט. זי שטאָפּט נישט אָן איר יוגנט מיט דאָגמעס און אַבסטראַאירט נישט קינסטלעך קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, כדי זיי צוצוטראָגן דער יוגנט אין אַ לייכט פאַרדייעלעכער פאָרם, זי ווייזט דער יוגנט די קאָמפּליצירטע ווירקלעכקייט, מיט אירע פאַרשידענע צדדים, און סטימולירט איר אַליין אונטערצושיידן וואָס איז וויכטיק און וואָס נישט, וואָס איז פריער און וואָס שפּעטער, וואָס איז ממשות'דיק און וואָס איז אילוזאָריש, כדי זי זאָל אַליין מאַכן די נויטיקע אויס־פירן. זי גלויבט אַז בלויז אַ באַוווסטזיין וואָס איז געלייטערט גע־וואָרן אינם פייער פון דער פרייער דיסקוסיע האָט אַ ווערט אין לעבן פון אַ דענקנדיקן מענטשן. זי האָט נישט מורא מודה צו זיין עפנטלעך אין אירע זוכענישן און שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר ויכו־חים מיט זיך אַליין אין דער עפנטלעכקייט. זי איז שטאָלץ אויף איר אינערלעכער פרייהייט און שעמט זיך נישט מודה צו זיין אין אירע שוואַכקייטן.

אָן אינערלעכע סתירות

זי האָט אַדורכגעמאַכט שווערע קריזיסן און וועג־זוכענישן, אָבער זי איז קיינמאָל נישט געווען קיין אומגליקלעכע פּאַרטיי.

ווייל זי האָט באַוויזן דעם דאָזיקן וווּנדער: טראָץ דעם וואָס זי זעט די זאַכן אַזוי ווי זיי זיינען אין זייער גאַנצער קאָמפּליצירטקייט און פּאַרפּלאָנטערטקייט, טראָץ דעם וואָס זי האָט איבערלעבט אַ סך אינערלעכע שוועריקייטן, האָט זי זיך נישט פּאַרפּלאָנטערט אין אויסגעאַנגלאָזע סתירות.

דאָס זיינען נישט געווען אירע חברים וואָס זיינען געווען גע־צווונגען אין יענעם גרויסן טאָג, ווען דאָס געפּייניקטע און צעווייר־טיקטע פאָלק האָט געיובלט פון פרייד דערהערנדיק די בשורה פונם אָנו־באַשלוס וועגן דער גרינדונג פון אַ יידישער מדינה, — נישט אירע חברים זיינען געווען געצווונגען, כדי זיי זאָלן זיך קענען באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער שמחה, צו פאַרגעסן אַלע באַמי־אונגען פון זייערע פירער צו קאָמפּראָמיטירן און פּאַרמיאוסן די מדינה אין די אויגן פון זייערע חברים; נישט אירע חברים זיינען געווען געצוווּנגען צו איגנאָרירן פינסטערע נביאות וואָס מען האָט זיי געלאָזט הערן אין דעם זעלבן אָוונט וועגן „דעם שוואַרצן טאָג אין דער יידישער געשיכטע".

אין די טעג ווען דער ענין פון דער יידישער מדינה איז געלעגן אויפן וואָג־שאל, זיינען עס נישט געווען אירע פירער וואָס האָבן אַלץ געטאָן כדי מיאוס מאַכן די מדינה אין די אויגן פון די זעלבע מענטשן, וואָס זיינען שפּעטער געווען צווישן די באַפרייער פון גרויסע שטחים פאַר דער מדינה, און פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר איר אויף יעדער פּאָזיציע און אויף אַלע ליניעס פונם פראָנט.

אין אַלע אירע אינערלעכע שווערע ראַנגלענישן האָט די פּאַרטיי געוווּסט אָפּצוהיטן איר גייסטיקע שליחות. דווקא נאָך דער שפּאַל־טונג און אַלס רעזולטאַט פון דער שפּאַלטונג האָט די פּאַרטיי דער־גרייכט צום שפּיץ פון אינערלעכער אחדות.

זי האָט געוווסט אונטערצושיידן צווישן דער אָנווענדונג פון כוח אין פּאָליטישן געראַנגל און צווישן טעראָר, צווישן אַ פעסטער און שטאָלצער פּאָליטישער שטעלונג און צווישן ביליקער באַרימעריי.

אַזוי האָט זי אויך געוווסט דעם חילוק צווישן געטריישאַפט צו די אינטערעסן פונם אַרבעטער און פשוט'ן מענטשן און צווישן זאָגן אמן אויף אַלע פעלערן און קרומע טאַטן, וואָס ווערן צייטנווייז געטאָן און דורך אַרבעטער; זי האָט פאַרשטאַנען צו פאַראייניקן די דאגה פאַרן אַרבעטנדיקן מענטשן מיט דער דאגה פאַר דערווירטשאַפט, די פאַרטיידיקונג פונם לוין־אַרבעטער מיט דער סטימולירונג צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, און, דאַקעגן דעם שוץ פון דער פּריוואַטער געזונטער איניציאַטיוו, מיט דער פאָדערונג צו הייבן דעם ניוואָ פונם אַפּאַראַט און דער פּראָדוקציע.

פרעמד זיינען איר צוגלייך די שנאה צו רעליגיע און די אונטערטעניקייט צו רעליגיעזער הערשאַפט.

אויב זי שטייט אין דער אויסערן־פּאָליטיק פון ישראל אויפן שטאַנדפּונקט פון נישט אידענטיפיצירונג מיטן „מזרח", צי מיטן „מערב", טאָ שטאַמט עס נישט פון אַ נייגונג צו פּרוכטלאָזער נייטראַליטעט, וועלכע דערלאָזט נישט אָננעמען אַ שטעלונג אין די וויכטיקסטע וועלט־ענינים, נאָר, אין דער ערשטער ריי, פון דער שטרעבונג און דעם פעסטן באַשלוס אָפּצוהיטן די זעלבסטשטענדיקייט און די אייגנאַרטיקייט פון דער ישראל־פּאָליטיק, כדי די מדינה זאָל זיך נישט פאַרלירן צווישן די וועלט־מאַכטן און פריי באַהאַנדלען יעדן פּראָבלעם צום עצם ענין און לויט איר אייגענעם שכל.

זי וואַרפט אָפּ די פּאָליטישע שיטה, לויט וועלכער מדינת ישראל — אָדער יעדעס אַנדער לאַנד — מוז באַטראַכט ווערן בלויז פון אויסנווייניק, דורך עמיצנס ברילן אין איינער פון די הויפּט־שטעט פון דער וועלט. פאַרקערט, זי קוקט אויף דער גאַנצער וועלט דורך ישראל'דיקע ברילן. לויט איר מיינונג איז דאָס פאַר ישראל דער איינציקער וועג זיך אַריינצופלעכטן ווי געהעריק אין דער סיסטעם פון די וועלט־כוחות, דערגרייכן צו אמת'דיקער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט און דינען, אין דער טאַט פון אירע מעגלעכ־

קייטן, די אינטערעסן פונם וועלט־שלום. קודם כל מוז זי בולט מאכן איר עקזיסטענץ און בלויז נאכדעם וועט זי קענען אויסזוכן פאר זיך א פאסיקן ארט אין דעם גרויסן קרייז פון די וועלט־ענינים.

זי איז פריי פון דער סתירה פון די וואס פרעדיקן און באזינגען תמיד דעם שלום און אין דער אמת׳ן גארן זיי מיט אומגעדולד נאך א נייער וועלט־מלחמה, ווייל בלויז פון א נייער וועלט־מלחמה האפן זיי — בלי שום ספק אומזיסט — גרויס צו ווערן און צו דעראבערן די מאכט מיט דער הילף פון אויסערלעכע כוחות.

זי איז פריי פון דער סתירה וואס נאגט טיף אינם יידישן וועזן פון די וואס פרעדיקן א געוויסן רעזשים: זיי פארהערלעכן דעם דאזיקן רעזשים, וויסנדיק גוט, אז בלויז דער היפך פון אים גיט די יידישע קיבוצים, וו זיי זאלן נישט זיין, דאס רעכט אויף זעלבסט־באשטימונג, פרייהייט פון אויסדרוק און ארגאניזאציע, פרייהייט פון פאליטישער טעטיקייט און ממשות׳דיקע מעגלעכקייטן אונטער־צונעמען געמיינזאמע שריט. און זיי ווייסן דאן אויסגעצייכנט, אז ווען נישט די דאזיקע פרייהייטן, וואלט די ציוניסטישע ארגאניזא־ציע קיין תקומה נישט געהאט און מדינת ישראל וואלט נישט גע־קומען אויף דער וועלט.

זי איז פריי פון דער מאראלישער סתירה, וואס אפילו א יוגנט, וועלכע איז אנגעשטאפט מיט פארטיקע פארמולעס, קען זי נישט לייכט פארדייען, — די סתירה צווישן דעם לעבנסוויכטיקן אינטע־רעס פון יעטוועדער מינדערהייט־פארטיי צו געניסן פון אלע ביר־גערלעכע און פאליטישע פרייהייטן — פרייהייט פון אויסדרוק, פרייהייט פון ארגאניזאציע, פרייהייט פון קריטיק לגבי דער מאכט, פרייהייט פון פארבינדונגען מיט אויסלאנד — און צווישן דער פארגעטערונג פון א רעזשים, וואס באזירט זיך אויף דער פולשטענ־דיקער נעגירונג פון אט די אלע פרייהייטן.

די לערע פֿון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם

די פֿרייע, אמת'ע דעמאָקראַטיע, וואָס איז באַזירט אויף די עלעמענטאַרע באַגריפֿן פֿון פֿרייהייט פֿונם פּרט און פֿון דער געזעלשאַפֿט אין די ראַמען פֿון אַ מדינה, וואָס באַציט זיך גלייך צו אַלע אירע בירגער און אונטערוואַרפֿט זיי אַלעמען אין אַ גלייכער מאָס דער אויבערמאַכט פֿון דער מערהייט — די דאָזיקע דעמאָקראַטיע איז דער יסוד פֿון מפּלגת פּועלי ארץ ישׂראל. דעם דאָזיקן יסוד וועט די פּאַרטיי אָפּהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויג און פֿאַר איר וועט זי קעמפֿן — אויב דאָס וועט נויטיק זײַן — אַזוי ווי עס קעמפֿן שטאָלצע און פֿרייע מענטשן פֿאַר יעדן קנין וואָס איז זיי טייער ווי דאָס לעבן. זי וועט דערציען דעם קומענדיקן דור און די מאַסן עולים צו שעצן און באַפֿעסטיקן ביידע אומדערשיטערלעכע זײַלן פֿון דער דעמאָקראַטישער מדינת ישׂראל — די פֿרייהייט און די גלייכהייט. זי וועט זיי פּלעגן אין איר גופֿא און וועט אויך אין דער מדינה שטיין, אין דער ערשטער ריי, אויף דער וואַך פֿון זייער עקזיסטענץ, ווײַל הן די דעמאָקראַטיע און הן איר נעגירונג זײַנען צוויי איינהייטלעכע שיטות, וואָס לאָזן זיך נישט אויסמישן אָדער טיילן. עס איז אוממעגלעך אַ דעמאָקראַטיע אין דער פּאַרטיי אינעווייניק בעת די באַציאונגען צווישן איר און אַנדערע פּאַרטייען זײַנען נישט קיין דעמאָקראַטישע: אָדער עס איז פֿאַראַן דעמאָקראַטיע אין אַלע לעבנס־שטחים און אויף אַלע שטופֿן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן און מלוכה'שן לייטער, אָדער זי פֿעלט לחלוטין אומעטום. אין נאָמען פֿון די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן — די פֿרייהייט און די גלייכהייט — פֿאַרניינט מפּלגת פּועלי ארץ ישׂראל די עקזיסטענץ פֿון פֿראַקציעס אין איר. אין נאָמען פֿון די זעלביקע פּרינציפּן וואַרפֿט זי אָפּ פֿון פֿאָראויס יעדן פּרוּוו פֿון וועלכער נישט איז פּאַרטיי, אין וועלכע נישט איז אומשטענדן, צו באַהערשן מיט געוואַלט די גאַנצע מדינה.

די פֿאַרברייטערונג פֿון די יסודות פֿון דער דעמאָקראַטיע אויף אַלע לעבנס־שטחים, נישט בלויז אויף די מלוכה'שע, נאָר אויך

אויף די ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע, נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע, איז דער העכסטער פּונקט פונם סאָציאַליזם. בלויז דער יעניקער סאָציאַליזם איז ראוי פאַרווירקלעכט צו ווערן, וואָס לאָזט זיך פאַרווירקלעכן מיט דעמאָקראַטישע מיטלען און אַנטוויקלענדיק און באַפעסטיקנדיק די דעמאָקראַטיע. אַ סאָציאַליזם וואָס פּרוווט אויפקומען אויפן חורבן פון דער דעמאָקראַטיע — פאַרניכטעט זיין אייגענע נשמה.

פרייהייט און גלייכהייט — און מאַכט

אָבער די דעמאָקראַטיע איז נישט בלויז אַ סיסטעם פון רעכט. דער יסוד פון רעכט ווערט אויסגעדריקט אין די ערשטע צוויי זילבן פון דעם גריכישן וואָרט — דעמאָקראַטיע. די לעצטע דריי זילבן באַצייכענען אַן אַנדערן יסוד, אַ נישט ווייניקער לעבנסוויכטיקן: מאַכט! אַ מאַכט וואָס רעספּעקטירט נישט די רעכט פאַרראַט איר שליחות, אָבער אָן אַ ווירקזאַמער מאַכט זיינען אויך די רעכט קיין רעכט נישט.

מפלגת פּועלי ארץ ישראל וועט שטיין אויף דער וואַך פון די רעכט פונם פּרט און פון דער געזעלשאַפט אָן אונטערשיד פון אָפּ־שטאַם און ראַסע, פון קלאַס און עדה, אָבער נישט ווייניקער קנאות'דיק וועט זי זאָרגן פאַר דער עפעקטיוויטעט פון דער מאַכט אין דער מדינה — פאַר דעם אַז דער כלל זאָל זיך אונטערוואַרפן דעם כלל, ד. ה. דער מערהייט פונם כלל, לטובת דעם כלל אַליין. די פּאַרטיי וועט דערציען זיך אַליין און דאָס גאַנצע פאָלק און אין דער ערשטער ריי די יוגנט און די מאַסן נייע עולים, הן צו שעצן די דעמאָקראַטישע רעכט און זיי שטרענג אָפּצוהיטן, צו געניסן פון זיי און זיי צו פאַרטיידיקן, און הן זיך אונטערצוואַרפן דער געוויילטער מאַכט.

און דאָס אַלץ איז נאָך נישט גענוג, אַ פאָלק ווי אונזער פאָלק, וואָס פאָרעמט זיך אויס פונדאָסניי דורך דער צונויפשמעלצונג פון

גלות׳ן; אַ מדינה ווי ישראל, וועלכע געפינט זיך ערשט אין אָנהויב פון איר אויפבוי; אַ לאַנד ווי דאָס אונזעריקע, וואָס מוז אַנטפּלעקן און אויסנוצן אַלע אין איר אומבאַקאַנטע אוצרות און כוחות כדי צו פּראָגרעסירן און זיך אַנטוויקלען — פאַרפליכטן צו אַן אָנשטרענגונג פון אַלע כוחות און דער אויסשעפּונג פון אַלע מעגלעכקייטן. דאָס וועט נישט געשען אין פולן אומפאַנג אָן אַ ברייטער שותפות, אַ פרייוויליקע און מיט פולער איבערגעגעבנקייט, מצד אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע טיילן פונם פאָלק אין לאַנד. דאָס וועט אויך נישט געשען, אויב עס וועלן נישט מאָביליזירט ווערן אַלע קראַפט־מקורות פונם פאָלק וואָס איז צעשפּרייט אין דער גאָרער וועלט.

דעריבער רופט מפלגת פּועלי ארץ ישראל אָן אויפהער אַלע פּאָזיטיווע כוחות צו שותפות אין דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אין דער מאַכט. דעריבער וועט זי זיך באַמיען צו העלפן יעדן שעפערישן און קאָנסטרוקטיוון עלעמענט, יעדן פרט און קרייז, וואָס קומען בויען און אַליין אויפגעבויט ווערן, צו געפינען זייער אָרט אין דער ראַם פון דער זיך אַנטוויקלענדיקער און עליה־אויפנעמענדיקער מדינה. דעריבער זוכט זי צו באַפעסטיקן דעם בונד מיט דער יידישער צעשפּרייטונג און זי גייסטיק צו שטאַרקן, כדי זי זאָל קענען דערפילן די גרויסע מיסיע. דעריבער, אַלס די ערשטע פאַרטיי פון אַרבעטנדיקן קלאַס — דער דאָזיקער פעסטער פונדאַמענט פון דער מדינה, דער הויפּט־מקור פון איר כוח און דער מעכטיקער אינסטרומענט פון איר אויפבוי — באַטראַכט זי זיך אַלס די פאַרטיי פון גאַנצן פאָלק.

דריי געבאָטן פֿון דער שעה

אָבער דער אומפֿאַנג פֿון דער אַקטיווער שותּפֿות איז נישט אָפּהענגיק פֿון דער פּאַרטיי אַליין און איר ערשטע דאגה דאַרף זיין צו וואַקסן און שטאַרקער צו ווערן מיט אירע אייגענע כּוחות. די דאָזיקע קאָנפֿערענץ פֿאַר זיך אַליין איז אַ באַווייז פֿאַר דעם גרויסן וווקס פֿון דער פּאַרטיי אין די לעצטע צוויי יאָר, די ערשטע צוויי יאָר פֿון אונזער זעלבסטשטענדיקייט. פֿון דער טריבונע פֿון דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ גייט אַרויס דער רוף צו די מאַסן יוגנט, צו די מאַסן עולים, צו די צענדליקער טויזנטער אַלטע אומפּאַרטייאישע אַרבעטער, זיך אָנצושליסן אין די רייען פֿון מפּלגת פּועלי ארץ ישראל. זיי אַלע זיינען מחויב צו וויסן אַז אָן דער אויסקריסטאַליזירונג פֿון אַ צענטראַלן און פֿאַראַנטוואָרטלעכן כּוח אין דער מדינה, וועלכער שטיצט זיך אויף מאַסן באַוווסטזיניקע בירגער, איז פֿאַראַן אַ שטענדיקע סכּנה, אַז דער געבוי פֿון דער מדינה זאָל דערשיטערט ווערן פֿון אינעווייניק, אָדער דורך אַן אָנגריף פֿון אויסערלעכע כּוחות. אַלע דאַרפֿן פֿאַרשטיין אַז כּדי צו זיכערן זייער אייגענע צוקונפֿט און די צוקונפֿט פֿון דער מדינה, דאַרפֿן זיי פֿאַרשטאַרקן דעם דאָזיקן צענטראַלן כּוח דורך זייער פּערזענלעכער צוגעהעריקייט.

פֿאַר דעם, פֿאַר דעם דאָזיקן רוף כּלפּי חוץ, מוז אָבער קומען אַ רוף כּלפּי פּנים. אין לאַנד פֿירט זיך אַ קאַמף פֿאַר דער נשמה פֿונם עולה און פֿון דער יוגנט. די רעזולטאַטן פֿון דעם דאָזיקן קאַמף וועלן באַשטימען די געשטאַלט פֿון דער מדינה און וועלן אַנטשיידן איר גורל. דער גאַנצער לעבעדיקער כּוח פֿון דער פּאַרטיי דאַרף זיין געווידמעט דעם דאָזיקן קאַמף. די געוואַלדיקע אויפֿגאַבן וואָס ליגן אויף דער מדינה, אירע גרויסע שוועריקייטן, די סכּנות וואָס לויערן אויף איר, זיינען מחייב אַ שנעלע צונויפֿשמעלצונג פֿון די מאַסן נייע עולים מיטן אַלטן ישוב אין איין פֿאָלק וואָס ווייסט וואָס ער האָט צו טאָן. די דאָזיקע קאָנפֿערענץ דאַרף אַרויסרופֿן אין דער פּאַרטיי אַ מעכטיקע כוואַליע פֿון אַקטיוויטעט און זי אַוועקשטעלן אויפֿן

פראָנט פון דער פאָלקס־דערציאונג אַלס שטורעמדיקער און דעראָבערנדיקער כוח. די 20 יאָר פון דער פאַרטיי זיינען מער נישט ווי אַ צוגרייטונג צו דער דאָזיקער גרויסער אָנשטרענגונג. די פאַרטיי מוז אויסקויפן מיט אַ דרינגנדיקער און ענערגישער אַרבעט די חטאים פון אירע פאַרנאַכלעסיקונגען אויף דעם דאָזיקן אַנטשיידנדיקן פראָנט. אירע גרויסע דערפאָלגן זיינען אַ שלאָגנדיקער באַווייז, אַז עס איז מעגלעך זיי צו פאַרטאָפּלען.

און מיר אַלע דאַרפן וויסן, אַז די פאַרטיי איז נישט יוצא פאַר אַלע אירע פליכטן דערמיט וואָס זי איז אַן אינסטרומענט פון מאַכט און טרעגער פון מלוכה׳שער אחריות. דער כבוד און די פאַרגאַנגנהייט פון אַ חלוצישער פאַרטיי פאַרפליכטן. די רודערער קענען נישט פירן די שיף, אויב עס בלאָזט נישט קיין ווינט אין אירע זעגלען. דער באַלעבנדיקער און אַקטיוויזירנדיקער ווינט וועט קומען פון אָט דער מאַסן־מאָביליזאַציע פון פרייוויליקע פאַרטיי־חברים פאַר אַ נייער חלוצישער אָנשטרענגונג כדי צו דערפילן די שליסל־אויפגאַבן פון איצטיקן מאָמענט: אויפנעמען די עליה, דעראָבערן די וויסטעניש, דערציען די יוגנט. אין די דאָזיקע דריי זאַכן ליגט דער שליסל פון אונזער צוקונפט. די פאַרטיי קען אומקערן דער חלוציות איר גלאַנץ אויפן פאַן פון אונזער נייעם לעבן. בעסער זאָל די פאַרטיי צוציען נייע חברים בזכות פון דעם וואָס זי איז אַ פאַרטיי פון חלוצישער פאַרווירקלעכונג און פון פרייוויליקער מאָביליזאַציע, איידער אַ דאַנק דעם וואָס זי איז די הערשנדיקע פאַרטיי.

אויפֿן שוועל פֿון דער צוקונפֿט

עס זיינען פֿארבייגעגאַנגען 20 יאָר — אַ לעבנס־אָפּשניט, פֿיל חבֿרים האָבן מיר פֿאַרלוירן. אָבער אַ נייער דור איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך געשטעלט אויף די פּאָזיציעס, און נייע חברים זיינען צוגעקומען. עס הויבט זיך אָן אַ נייע תקופֿה. אַלע אָנשטרענגונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן, אַלע שלאַכטן וואָס האָבן זיך פֿאַרענדיקט, אַלע דעראָבערונגען וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן זיינען בלויז אַ פֿאָרשפּיל, אַ פּרוזדור פֿאַר די נסיונות פֿון דער צוקונפֿט. „און אַלע זיינען בלויז אַ פּרוזדור פֿון אַ פּרוזדור", האָט געזאָגט חיים נחמן ביאַליק. אין אָנבליק פֿון דער דאָזיקער תקופֿה ציילן מיר זיך איבער און גרופּירן אונזערע כּוחות היינט.

ווער זיינען מיר? ווי קליין און נעבעכדיק איז יעדער איינער פֿון אונז באַזונדער אַנטקעגן די פֿאַרענדערונגען וואָס זיינען פֿאָרגעקומען, אַנטקעגן די אויפֿגאַבן וואָס שטייען פֿאַר אונז. אָבער מיר אַלע צוזאַמען זיינען אַ געוואַלדיקער כּוח, וואָס דעראָבערט און זיגט. אין וואָס ליגט אונזער כּוח? בלויז אין ענינים פֿון האַרצן — אין ליבע און אין גלויבן: אין ליבע צום פֿאָלק, אין ליבע פֿון איין מענטשן צום צווייטן, אין ליבע צו יעדן עולה וועלכער באַהעפֿט זיך פֿונדאָסניי מיט דעם אוראַלטן היימלאַנד און טרעפֿט זיך פֿונדאָסניי מיט זיין פֿאָלק, אין ליבע צו יעדן יונגטלעכן וועלכער טראָגט אין זיך די האָפֿענונג פֿון אונזער צוקונפֿט; און אינם גלויבן, גלויבן אין אונזער באַשטימונג און אין אונזער כּוח זי צו פֿאַרווירקלעכן, אין דער היסטאָרישער משיחישער מיסיע פֿון אונזער מדינה. וואָס איז אונזער וועג? דער באַוווסטזיין פֿון אחריות און די געמיינזאַמע אָנשטרענגונג זי צו טראָגן, די שטאַרקונג פֿון אונזער ווילן און אונזער כּוח אַנטקעגן די קומענדיקע טעג.